STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03740

# DRAMEN

Sholem Asch

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אש.

# דראמען.

דריטער באַנד.

ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין.
דרוקעריי „ווילנער פאַרלאַג“ ווילנע, קליין סטעפן גאַס 23.

נאָכדרוקן פארבאָטן.

# אינהאלט:

## פון דריטן באַנד.

1. גאָט פון נקמה.

2. מיטן שטראָם.

3. דער זינדיקער.

4. אום ווינטער.

5. אין ווינט.

---

# פערזאנען:

| | |
|---|---|
| יעקל טשאַפּטשאָוויטש, דער „פּעטער" | אַ בעל־הבית פון אַ פרעהליך „הייזעל". |
| שרה | זיין ווייב (אַ געוועזענע קאקאטע). |
| רבקה'לע | זייער טאָכטער, אַ יונג מיידעל פון אַ יאָהר 17. |
| הינדעל | 1-טע מיידעל פון „הייזעל" אַ פער־עלטערטע (פון עטליכע און דרייסיג יאָהר). |
| מאַנקע | 2-טע מיידעל, נאָך גענוג יונג. |
| רייזעל | 3-טע מיידעל. |
| באַשאַ | אַ פּראָווינציאל מיידעל, ערשט אָנ'אָנגעקומענע |
| שלמה | אַ אלפאָנס. הינדעלס געקויפטער חתן, אַ שענער יונג, 26 יאָהר |
| ר' אלי | פאָלקס־שדכן, אַ שדכן פון דעם „פּעטער". |
| ר' יעקב | אַ פרומער יוד. אַ סופר. |
| אַ פרעמדער יוד | אַ מחותן. |
| אַ יודענע | בלינד אויף איין אויג (פון די אָרימע לייט). |

צייט: געגענוואַרט.

אָרט: אין אַ גרעסערע פּראָווינציאַלע שטאדט.

# ערשטער אקט.

## סצענע.

(ביים „פעטער“ אין פריוואט-וואָהנונג. ערשטער שטאָק פון אַ אַלטער הילצערנ׳ר געביידע. דאָס צימער געפינט זיך איבער דעם קעלער, אין וועלכען עס איז דאָס „הייזעל“. צום וואָהנונג פיהרט אַרויף אַ הילצער-נע טרעפּ פון דרויסען. וועלכע לאָזט זיך הערען אין דער שטוב, בשעת מען געהט אויף זיי. די וואָהנונג בעשטעהט פון איין גרויסע שטוב מיט אַ נידריגען באַלקען. דאָס מעבעל נייעס, וואַרשאָווער ביליגער סטיל, וועלכעס האַרמאָנירט נישט מיט דער אַלטער געביידע פון דער שטוב. די וועגד זיינען בעהאַנגען מיט בילדער, אויסגענעהט אויף קאַנווע, ביבלישע סצענעס: „אדם וחוה ביים עץ הדעת“ א. ז. וו. מיזרעלשע אַרבייט. געגענאיבער דער סצענע—די טהיר, וואָס פיהרט פון דרויסען אַריין. רעכטס אַ צווייטע טהיר, פיהרט אין רבקה׳לעס שטוב אַריין. פון ביידע זייטען טהיר—רעכטס צוויי בעטען ביי דער וואַנט, הויך אויפגעבעט מיט בעטגעוואַנט. לינקס צוויי אָנסטערלעך נידריגע, מיט לאָדען פון אינווייניג צו צומאַכען, בעהאַנגען מיט פאָר-האַנגליך, בעשטעלט מיט בלומען-טעפּ; צווישען די פענסטער אַ שווי-בען-שענקעל. הינטער איין פענסטער אַ קאָמאָד. אין שטוב פערפאַר-טיגט מען אויפצורוימען; ס׳זעהט זיך אויס: מען גרייט זיך צו אויף געסט... אָנגעשטעלט מיט איבריגע טישען און בענק, בעשטעלט מיט קאָרבס געבעקס און אַנדערע עסען-וואַרג. אַ יונגער פריהלינגס-טאָג, נאָך מיטאָג.

(שרה, רבקה׳לע, שפעטער דער „פעטער".)

## שרה

אַ הויבע און אַ שלאַנק שענע. דאָס פּנים שוין רעכט פערדאָרבען, נאָר גאָך געננוג שפּורען פון איהר געוועזענער שענהייט, וועלכע האָט נאָך היינט אין זיך אַ געוויסען טאָן פון פרעכהייט. אַ שייטעל אויף איהרע קאקעטע לאָקען; די לאָקען גנב׳ענען זיך פון צייט צו צייט פון א׳הר שייטעל אַרויס. אָנגעטהון אין שוין ערנסט מוטערליכער קליי-דונג, וועלכעס איז נאָך דאָ און דאָרט קאָקעט בעפּוצט מיט פיעל צירונג. אין איהרע בעוועגונגען קען זי זיך נאָך נישט גאַנץ בעפרייען פון דער וועלט, פון וועלכער זי איז אַרויסגעגאַנגען... שטעהט מיט

## רבקה׳לען.

אַ רייצענד יונג מיידיל, זעהר נעט געקליידעט, בעל הבת׳יש, נאָך אין אַ קורץ קליידעל, צווי לאַנגע צעפּ האָר, אין פערפערטי-גען אויסצופּוצען דאָס צימער

## רבקה׳לע

(שטעקט אַריין פאַפּיערענע בלומען אין די גאַרדינען).

אָט אַזוי, מאַמעשי, יעצט דאָס שפּיגעלע בעפּוצען, זעה, מאַמעשי, [illegible]עט שען זיין?

## שרה

(איז פערנומען ביים טיש אָנגרייטען).

פלינקער, טאָכטערשי, פלינקער, דער טאַטע איז שוין געגאַנגען בעלי-בתים בעטען דאָס ספר-תורה אַהיים ברענגען.

רבקה׳לע.

וועט שען זיין, מענשען וועלען קומען ... מען וועט שפּילען, מען וועט זינגען ... יאָ, מאַמעשי?

שרה.

יאָ, טאָכטער-לעבען, עס איז אַ חנוך, עס איז אַ גרויסע מצוה ... נישט אַלע קענען זיך ספר-תורות שרייבען. אַ בעל-הבית, אַ אָנגע-זעהענער מענש ...

רבקה׳לע.

און מיידלעך וועלען אויך קומען? מען וועט טאַנצען? ס׳וואָהר, מאַמעשי? (שטעלט זיך אָב) איך מוז דאָך מיר אַ בלוזקע קויפען, מאַמעשי, און אַ פּאָר ווייסע פּאַנטאָפעל קויפען. (ווייזט איהרע קאַמאַשען) אין קאַמאַשען קען מען דאָך נישט טאַנצען?

שרה.

אַז דו וועסט אַ כלה ווערען, אם ירצה השם, חל המועד פּסח, וועל איך דיר אַ לאַנג קלייד מאַכען, פּאַנטאָפעל קויפען, ס׳וועלען מיידלעך קומען, פיינע מיידלעך, בעל-הבתישע טעכטער, דו וועסט דיך חבר׳ן מיט זיי.

רבקה׳לע

(עקשנט זיך).

שטענדיג לייגסט דו אָב אויף פּסח. איך בין שוין היינט גרויס. (שטעלט זיך אין שפּיגעל אריין) זעה, מאַמעשי, איך בין שוין גרויס. (ווייזט די האָר) אַזעלכע לאַנגע צעפּ האָר האָב איך שוין. מאַנקע זאָגט, אַז ... (לאָפט זיך צוריק) און מאַנקע וועט אויך זיין, ס׳וואָהר, מאַמעשי?

שרה.

ניין, טאָכטער לעבען. בעל-הבת׳ישע קינדער, אָר׳נטליכע מיידלעך...
דו ביזט אַ בעל-הבת׳יש קינד, אַ אָר׳נטליך קינד.

רבקהל׳ע.

פאַר וואָס נישט, מאַמע לעבען? האָט מיר מאַנקע אַ מגן-דוד אויפגעריסעוועט אויפ׳ן ספר-תורה-קליידעל... איך נעה איהם איצט מיט זיידענע וולישקע אויס, מיט בלעטער בעפוצט, מיט בלומען בעפוצט, וועסט זעהן, ווי שען, מאַמעשי. (ווייזט אויף די בילדער פון וואנד) הונדערט מאָל שענער פאַר די...

שרה

(ערשראָקען).
ווער איז מיר, פערצעהל נישט דעם טאַטען. ער וועט שרייען, ער וועט זיך בייזערן.

רבקה׳לע.

פאַרוואָס, מאַמעשי? עס איז דאָך פאַר׳ן ספר-תורה׳ס וועגען?

שרה.

דער טאַטע וועט זיך בייזערן. (עס הערען זיך טריט) שווייג, רבקה׳לע, דער טאַטע געהט.

דער „פעטער"

(נאָך אויף די טרעפ).
וואָס, בעטען וועל איך מיך ביי זיי... האָב איך טאַקע אַ גע-

**שעפּט!** (קומט אַריין. אַ הויכער, שטאַרקער יונג פון אַ יאָהר 40, אַ דיק בייכעל מיט אַ שוואַרץ בעוואַקסען געזיכט. אַ שוואַרץ רונד געשוירען בערדעל. רעדט הויך, גראָב, מאַכענדיג דערביי מאוס'ע בעוועגונגען מיט די הענד, אָנגרייפענדיג דעם צוויִיטען, וואָס ער רעדט צו איהם, ביי דער קלאַפּע. דאָך ליגט אויסגעגאָסען אויף זיין געזיכט און אין זיין גאַנצער פּערזאָן אַנ'אָפענהאַרציגקייט). **וועלען זיי נישט קומען, דאַרף מען נישט... האָב איך אָרעמע-לייט צוזאַמענגענומען... האָב איך נישט קיין מורא, עס וועלען זיך געפינען בעלנים אויף די לעקעכער מיט די גענז.** (דערזעהט רבקה'לען, זעצט זיך) **קום נאָר אַהער צום טאַטען.**

## שרה

(כייז, אָבער בעמיהט זיך נישט דערפון בעמערקען צו געבען. סערווירט דעם טיש).

**זיי וועלען זיך, מיינסט דו, דעם יחוס מיט דיר איינרייכטען? אַז זיי דאַרפען אַ הונדערטער צו באָרגען... אַ נדבה צו נעהמען שע-מען זיי זיך גאָר נישט מיט דיר... דער גוי איז טרפה, אָבער זיין גראָשען איז כשר...**

## דער „פּעטער".

**ווי זי האָט דאָס מורא, אַ זאָרג אָנגעקריגען! האָב נישט קיין מורא, עס וועט דיר גאָרנישט קאַליע ווערען...** (רופט רבקה'לען) **נו, קום נאָר אַהער צום טאַטען.**

## רבקה'לע

(געהט צו צום פאַטער זעהר נישט גערן, האָט מורא).

**וואָס וויל דער טאַטעשי?**

## דער „פּעטער".

**האָב נישט קיין מורא, רבקה'לע, איך וועל דיר קיין שלעכטס נישט טהון.** (נעהמט זי אַז ביי דער האַנד) **האָסט ליעב דעם טאַטען, יאָ?**

רבקה׳לע

(שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף יאָ).

דער „פּעטער".

און פאַרוואָס האָסטו מורא פאַר׳ן טאַטען?

רבקה׳לע.

איך ווייס נישט.

דער „פּעטער".

האָב נישט קיין מורא פאַר׳ן טאַטען, דער טאַטע האָט דיך ליעב, זעהר ליעב. איך לאָז היינט אַ ספר-תורה שרייבען, עס קאָסט אַ סך געלד. פאַר דיר, מיין קינד, פאַר דיר.

רבקה׳לע

(שווייגט. פּויזע).

דער „פּעטער".

און אַז גאָט וועט העלפען און דו וועסט אַ כלה ווערען, וועל איך קויפען דיין חתן אַ גאָלדענעם זייגער מיט אַ גאָלדענער קייט — אַ האַלב פונט גאָלד זאָל ער וועגען... דער טאַטע האָט דיך זעהר ליעב.

רבקה׳לע

(שווייגט, לאָזט אַראָב דעם קאָפּ, שעמענדיג זיך. פּויזע).

דער „פעטער".

דו שעם דיך נישט, אַ כלה מעג מען ווערען, גאָט האָט גע־הייסען. (פויזע) דאָס איז גאָר נישט... אַלע מענשען ווערען ח־תן-כלות.

רבקה׳לע

(שווייגט. פויזע).

דער „פעטער".

נו, האָסט דו ליעב דעם טאַטען דייגען?

רבקה׳לע

(שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, שטיל).

יאָ.

דער „פעטער".

נו, וואָס ווילסטו זאָל איך דיר קויפען? זאָג, רבקה׳לע. (רבקה׳לע ענטפערט נישט) נו, זאָג, האָב נישט קיין מורא, דער טאַטע האָט דיך ליעב. נו, זאָג, וואָס זאָל איך דיר קויפען?

רבקה׳לע

(שווייגט).

שרה

(איז פערנומען ביים טיש; צו רבקה׳לען).

נו, פאַר וואָס ענטפערסט דו נישט, אַז דער טאַטע רעדט צו דיר?

### רבקה׳לע.

איך ווייס נישט...

### שרה

(צום „פעטער״).

אַ זיידענע בלוזקע וויל זי מיט אַ פּאָר ווייסע פּאַנטאָפעל.

### דער „פעטער״.

אָ, דו ווילסט אַ זיידענע בלוזקע מיט אַ פּאָר ווייסע פּאַנטאָפעל!

### רבקה׳לע

(נאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף יאָ).

### דער „פעטער״.

דאָס קומט דיר. (נעהמט אַרויס פון די געלד-קלינגענדע קעשענע אַ גאָלד-שטיק און גיט איהר) יאָ, גיעב דאָס דער מאַמעשי, לאָז זי דיר קויפען. (רבקה׳לע נעהמט צו דאָס געלד, טראָגט עס צו צו דער מוטער. עס הערט זיך אַ גע-רודער אויף די טרעפּ פון די אַרויפקומענדע אָרעמע לייט).

### דער „פעטער״

(צו שרה׳ן).

זעהסט, דו האָסט געזאָגט, (עפּענט אויף די טהיר) אַז דו וועסט קיין געסט נישט האָבען. (רופט) נו, קומט אַריין, קומט אַריין. (עס קומען אַריין אַ חאַליאַסטרע אָרעמע לייט, מענער און פרויען, צום ערשט איינציגווייז, ווי זיי וואָלטען זיך אַריינגעגנב׳עט אין שטוב, דערנאָך מעהר, פיהרען זיך אויף אַרויסרופענדיג, טייל רופען איראָניש צום „פעטער״): גוט מאָרגען אייך, בעל מחנך! (ווענדען זיך צו שרה׳ן) אַ גוטען טאָג, בעל-הבית׳טעשי

## שרה

(טהוט זיך אָן אַ שערץ, לייגט אַריין אין איהם חלות, זעמעל, לעקעך און אַנדערע עסענוואַרג. טהיילט אַרום צווישען די אָרימע לייט).

## איינער פון די אָרימע לייט.

לאַנג לעבען זאָלט איהר, בעל-הבית'טעשי, איהר זאָלט זוכה זיין מעהר שמחות צו מאַכען.

## אַ יודענע.

דאָס ספר-תורה זאָל אייך הצלחה און אַ ברכה אין אייער הויז אַריין...

## דער „פעטער"

(וואַרפט די אָרימע לייט שטיקער חלה נאָך שרה'ן).

צו גאַנצע פונטען לעקעך זאָלסט דו זיי געבען און צו פלעשלעך בראָנפען מיט אַ היים. זאָלען זיי וויסען, אַז היינט איז ביי מיר אַ שמחה... נישט-קשה, איך קען בעשטעהן אויף דעם.

## אַ יודענע, בלינד אויף איין אויג

(ריהמט פאַר די אָרימע לייט דעם „פעטער" מיט שרה'ן).

דאָ איז שוין איינס אַ הויז, זאָל איך שוין אַזאַ יאָהר האָבען, געהט שוין קיינער פון דאַנען מיט טרוקענע הענד נישט אַרויס. אַ לעפעל יויך פאַר אַ קראַנקען, אַ העמד פאַר אַן אָרעמאַן. וואָס דען, דאָרט אין די הויכע פענסטער וועט איהר קריגען?...

(שרה, זוי זי וואָלט נישט בעמערקט דער יודענעס רייד, וואַרפט אַריין אין איהר שערץ אַ פּאָר חלקים מעהר. די יודענע האַלט אויף דאָס פאַרטעך איהרס און רעדט ווייטער).

דאָ אַז מען מאַכט אַ שטיקעל שמחה... קען מען זיין, ווער מען וויל... קען מען האַנדלען, מיט וואָס מען וויל...

## אַנדערע אָרימע לייט

(וווישען זיך).

אַזאַ יאָהר שוין אויף אונז, אַזאַ יאָהר שוין אויף אונז...

## דער „פעטער"

(נעהמט ארויס אַ פולע האַנד מיט קליינגעלד און גיט עס איבער אין רבקה'לעס שערץ).

גו, צוטייל די אָרימע לייט.

(רבקה'לע טיילט ארום די אָרימע לייט קליינגעלד).

## די יודענע, בלינד אויף איין אויג

(מיט מעהר קוראַזש ווייזט אויף רבקה'לען).

און ווייזט מיר אין דער גאַנצער שטאָדט נאָך אַזאַ אָר'נטליך מיידעל... (צו די אַנדערע ווייבער) רבנים האָבען דאָך נישט אַזעלכע קינדער. (זאָגט שטילער, דאָך, אַז דער „פעטער" און שרה זאָלען הערען) און גאָט ווייסט, פון וואַנען עס נעהמט זיך צו זיי אַזאַ כשר קינד... דאַכט זיך אויפגעהאָדעוועט אין אַזאַ הויז, גאָט זאָל נישט שטראָפען פאַר די רייד... (הויך) און דאָס איז אָבגעהיט, ווי דאָס אויג אין קאָפּ... אָבגעוואויגען און אָבגעמאָסטען איז יעדער טריט איהרער, אַ ליעבע לוסט צו קוקען דערויף. (געהט צו צום „פעטער", מאַכט צו איהם) נישט קשה, עס לאָזט זיך הערען! (ווייזט אויף רבקה'לען) איך וואָלט אַ זון אַ רב געהאַט, וואָלט איך זי איהם פאַר אַ כלה געגעבען.

## די אַנדערע ווייבער

(צווישען זיך).

עס לאָזט זיך הערען... עס לאָזט זיך הערען...

## דער „פעטער".

וועט איהר זעהן, ...עין איך וועל דאָס מיט מזל אונטער די חופה

פיהרען! גאַנצע געגנז זאָלט איהר קריגען, גאַנצע העכט לעבעדיגע און מיט רובלען קלינגען, איז מיין נאָמען נישט יעקל טשאַפּטשאָוויטש, אויב איך זאָג ליגען.

## די יודענע, בלינד אויף איין אויג.

אַז איך זאָג אייך, ווי אין שוהל, להבדיל, דאָס וואָלט זיך אויפגעהאָוועט... ציכטיג... שען... אָרנטליכער פאַר אַלע בעל-הבתישע טעכטער...

## די אַנדערע ווייבער.

עס לאָזט זיך הערען... עס לאָזט זיך הערען...

## דער „פעטער"

(ארומטיילענדיג די גלעזלעך בראָנפען די אָרימע לייט, לאָזט פאַלען א וואָרט, ווי נישט בעמערקענדיג).

כאָטש איהר פאָטער איז יעקל טשאַפּטשאָוויטש...

## שרה

(טוילענדיג).

נו, נו, פאַר וועמען ער האָט זיך דאָ צו ריהמען?

## דער „פעטער"

(נישט איינהאַלטענדיג זיך, זאָגענדיג, גיבט ער אָן די גלעזלעך בראָנפען, מיט אימפעט).

מיר איז נישט קיין אונטערשיעד איז מיר, צי אָרים אָדער רייך, אַלע זאָלען עס וויסען... די גאַנצע שטאָדט זאָל עס וויסען... וואָס איך בין — בין איך, (ווייזט אויפ'ן ווייב) וואָס זי איז — איז זי... אַלץ איז וואָהר אַלץ... נאָר אויף מיין קינד זאָלען זיי קיין וואָרט

נישט לאָזען פּאַלען... אַז נישט, וועל איך זיי, אַט, מיט דער פלאַש די קעפּ שפּאַלטען... מעג עס זיין דער סאַמע רב אפילו, איז מיר נישט קיין חלוק... כּשר'ער פּאַר זיין טאָכטער. (ווייזט אויפ'ן האלז) דאָ מעגט עטץ מיר אַריינשניידען.

### שרה

(הערט אויף צו טיילען).

נו, מען האָט שוין געהערט... שוין געהערט... (קלאַפּט זיך אָב די הענד און זוכט דעם בעזעם אין ווינקעל שטוב) מען דאַרף די שטוב צורוימען פּאַר בעל-הבתים'ס וועגען. (ווענדעט זיך צו די אָרימע לייט) דאַכט זיך קיין עולה נישט געהאַט?

### די אָרימע לייט.

ניין, בעל-הבית'טעשי, אַ גדולה און אַ נחת אויף אייער קאָפּ... (פּערלאָזען די שטוב איינציגוויז, אָגווינשענדיג גוטע ברכות. דער „פּעטער" וואַרפט זיי צו עסענוואַרג הינטער דעם ווייב'ס אויגען. די לעצטע זאָגט צו רבקה'לען, אַז די אָרימע לייט זאָלען נאָך הערען). געה, רבקה'לע, דאָס קליידעל פּאַר'ן ספר-תורה פאַרטיג צו מאַכען, ר' אלי וועט דאָך באַלד קומען, דער סופר וועט באַלד קומען. (רבקה'לע געהט אָב אין איהר צימער לינקס).

### דער „פּעטער". שרה.

### שרה

(בלייבענדיג אַליין מיט'ן „פּעטער", קעהרט אויס די שטוב).

פּאַר וועמען ער האָט זיך דאָ געהאַט צו ריהמען, אַ קליינינג-קייט, זאָג איך דיר... און אַזוי, מיינסט דו, וואָלטען זיי נישט גע-קומען צו דיר? מאַך יעדען טאָג אַ שמחה, וועסט דו זיי יעדען טאָג האָבען... אין אָרנטליכע הייזער ווייסט מען דאָס ווי צו האַלטען זיך, אַז עס זאָל דרך-ארץ האָבען פּאַר אַ מענשען. וואָס דען, אַזוי, ווי

דו, באַלד „פּאַן-בראַט" ווערען... וואָס איז עס פאַר אַ בעל-הבית, זאָג איך, נאָ?

### דער „פּעטער".

בעל-הבתּים, ווילסט דו, זאָלען קומען צו דיר? דו האָסט אַ פּנים, פערגעסען, ווער דו ביסט?

### שרה

„ווער דו ביסט"? וואָס, דו האָסט ווּעם בעגנב'עט? דו האָסט אַ געשעפט. יעדער האָט זיך זיין געשעפט, דו נייטסט דאָך קיינעם נישט!... דו מעגסט האַנדלען, מיט וואָס דו ווילסט, אַז דו אַליין טהוסט נאָר נישט קיין שלעכטס... פּרוב זיי נאָר געלד צו געבען — וועסט דו זעהן, וויפיעל זיי וועלען נעהמען פון דיר.

### דער „פּעטער"

נעהמען וועלען זיי ביי דיר, אָבער דו וועסט ביי זיי ווי דער הונד אויסזעהן... אין בית-המדרש ביי דער טהיר שטעה... קיינמאָל דיר קיין עליה נישט געבען!...

### שרה.

דו מיינסט טאַקע, אַז זיי זענען בעסער פאַר דיר, אַז דו דאַרפסט נאָר נישט זייער לאַסקע... היינט איז אַזאַ וועלט: האָסט דו געלד, קומט אַריין צו דיר אַזאַ אָרנטליכער יוד, ווי ר' אלי, אַ חסיד, און נעהמט פון דיר אַ שענע נדבה. ער פרעגט זיך נישט פון וואַנען דו האָסט, גנב'ע, גזל, אַבי דו האָסט, אָט — שטא!...

### דער „פּעטער".

דו קריך נישט צו הויך, שרה, — דו הערסט? — נישט צו הויך... אַז נישט, וועסט דו מיט איינמאָל דעם קאַרק ברעכען, (גראָזשעט מיט'ן

גאָט פון נקמה 2.

פינגער) און שטופ דיך נישט... שטופ דיך נישט, זאָג איך דיר, דו האָסט אַ שטוב — ליעג, דו האָסט ברויט — עס. נאָר קריך נישט דאָרט, וואו מען בעט דיך נישט... יעדער הונד מוז קענען זיין נאָרע... (געהט אוועק פון טיש. אַ מאַך מיט'ן האַנד) עס טהוט מיר שוין באַנג די גאַנצע מעשה.. איך האָב מורא, דאָ וועט קומען די מפלה...

שרה

הערט אויף צו געהן, לייגט אַרונטער די הענד אונטער די באָקעס אויף דער הויך).

מאַנספערשוין! ש...ען זאָלסט דו דיך! איך בין אַ נקבה און קען מיר זאָגען: דאָס, וואָס איז געווען, איז נישט דאָ, פּיס-ס-ס... אַוועקגעפלויגען... עס איז זיך נישט דאָ פאַר וועמען צו שעמען. די גאַנצע וועלט איז נישט בעסער... מיט די אויגען אין דער ערד וואָלט מען בעדאַרפט אַרומגעהן (דערנעהנט זיך צו איהם) און ווידער אַרום, וועסט האָבען געלד — פּאַקסט דו איין דאָס „קרעמעל”, און קיין האָהן קרעהט נישט... ווער דאַרפט צו וויסען, ווער דו ביזט געווען...

דער „פעטער”

(נאָכדענקענדיג).

דאָס וואָלט שוין געווען צום בעסטען... (פויזע) אַ שטאַל פערד זיך איינקויפען, פיהרען קיין אויסלאַנד, ווי אייזיקעל פורמאַן... ווערען אַ מענש... נישט מען זאָל דיר אין די אויגען קוקען ווי אַ גנב...

שרה

(נאָכדענקענדיג).

אַ שאָד אָבער דאָס געשעפט... אין פערד וועסט דו אַזאַ כשר'ן גראָשען נישט פערדינען... דאָ זעהט מען דאָך כאָטש דעם רובל אויף דער האַנד.

דער „פעטער”.

דאָס איז שוין וואָהר.

שויה

(געהט אַב אין דער צווייטער שטוב, ברענגט אַריין אַ שטאָס טעלער, שטעלט זיי אַרום דעם טיש).

און זעהסט דו, האָבען מיר אַ טאָכטער, גאָט צו דאַנקען ליי־טישער, ווי אַלע בעל-הבתישע קינדער אין דער שטאָדט, ווען חתונה האָבען, נעמען אַ אָר'נטליכען מענש פאַר אַ מאַן, האָבען אָר'טליכע קינדער... זעהסט דו, און וואָס איז דער מעהר?

## דער „פעטער"

(הייבט זיך אויף צו שרה'ן).

יאָ, אַז דו ווערסט איהר פיהרעריך זיין! (בייז) גאָט... לאָז אַרויף צו איהר מאַנקען פון אונטען... האַלט זי דיר דאָ אין שטוב

## שרה

גיט נאָר אַ קוק, וויפיעל דאָס ברויעט אַרום! איך האָב אַמאָל מאַנקען אַרויפגענומען, אַז זי זאָל רבקה'לען אויסלערנען אויף קאַנווע העפטען. עס איז דאָך אַ מיידעל, מען דאַרף איך אַ וויפראַווע קלעה־רען... זי האָט זיך דען, מיט וועמען צו חבר'ן? דו לאָזט זי דאָך נישט אויף דער גאַס אַרויס... (פויזע) ווילסט נישט — איז נישט.

## דער „פעטער".

ניין, איך וויל נישט, — דו הערסט? — ניין, איך וויל נישט אַז מיין שטוב זאָל זיך מישען מיט אונטען (וויזט אויפ'ן קעלער) אָבגע־שיידט זאָל מיין שטוב זיין! דו הערסט, ווי כשר'ס פון טרפה'ס אָב־געשיידט! אונטען (וויזט אויפ'ן קעלער) איז אַ „הייזעל" און דאָ וואוינט אַ כשר כלה-מיידעל — דו הערסט? (קלאַפט אין טיש מיט פויסטען) אַ כשר כלה-מיידעל וואוינט דאָ! אָבגעשיידט זאָל עס זיין!...

(עס הערען זיך טריט אויפשטייגען אויף די טרעפ).

שרה

איז נישט, איז נישט, נור שריי נישט. (האָרכט זיך איין) שאַ. מענשען געהען, ר' אלי געהט. (זי שטופּט אַרונטער די לאָקען פון איהרע האָר הינטער'ן שייטעל. וואַרפט אַראָב פון זיך דעם שערץ. דער „פּעטער" מאַכט זיך גלייך די באָרד, דעם ראָק שטעלען זיך ביי דער טהיר, אָבוואַרטען די געסט... די טהיר עפענט זיך ברייט, עם קומען אַריין שלמה מיט הינדלען).

שלמה. הינדעל.

(אַ הויכער שטאַרקער יונג פון אַ יאָהר עטליכע צוואַנציג, אין לאַנגע שטיוועל מיט אַ קורץ רעקעל, לאַבוסעוואַטע בעוועגונגען, ווינקט מיט די אויגען ביים ריידען גבה'דיג; הינדעל, — אַ פערעלטערט מיידעל, טראָגט קליידער, וועלכע פּאַסען שוין ניט לויט איהרע יאָהרען, אָבגעשוואָנקט דאָס פנים. געהען ביידע דרייסט, היימיש).

דער „פּעטער"

(צו שרה'ן).

קוק מיר אָן מיינע געסט... (צו שלמה'ן) דאָ האָב איך קיין שום געשעפטען נישט, אונטען, אַלץ אונטען... (וויזט אויפ'ן קעלער) איך וועל אַראָבקומען.

שלמה.

וואָס יאָגסט דו דיך אַזוי, וואָס? דו שעמסט דיך שוין מיט אונז?

דער „פּעטער".

הכלל, וואָס וועט עט'ץ זאָגען גוטס?

שלמה.

מאַכסט דאָך היינט אַ שטיקעל שמחה, זענען מיר דיר געקומען מזל-טוב זאָגען... אַלטע בעקאַנטע... וואָס, ניין?

### שרה.

קוקט׳ס מיר אָן מיינע בעקאַנטע?

### דער „פעטער״.

אַלץ געווען אַמאָל, פון הייגטמאָל אָן — אויס... דו ווערסט האָבען אַ געשעפט — יאָ, נור אַלץ אונטען, (ווייזט איהם אויפ׳ן קעלער) דאָ — קען איך דיך נישט, דו מיך נישט פון היינטמאָל אָן. — אַ טרונק בראָנפען קענסט דו נאָך קריגען. (גיסט זיי ביידע אָן צו גלעזלעך בראָנפען) אָבער מאַכט׳ס פלינקער, עס קען נאָך אַ מענש אָנקומען צו געהן.

### שלמה

(נעהמט דאָס גלעזעל בראָנפען אין האַנד אריין, זאָגט צו הינדלען שעלמיש).

זעהסט, חתונה האָבען איז אַ וואווילע זאַך, ווערט מען טאַקע אַ מענש מיט לייטען גלייך, לאָזט מען ספרי-תורות שרייבען, נישט אַזוי ווי דו, אַלפאָנסען, מיידען-יונגען. (צום „פעטער״) זעהסט, האָב איך מיך טאַקע פערקוקט אין דיר און בין היינט אַ חתן געוואָרען מיט די חיה׳-טע — אָט, (ווייזט אויף הינדלען) אָט, וועט אפשר נישט זיין אַ שענע בעל-הבית׳טע? וועסט זעהן, זי וועט זיך אָנטהון אַ שייטעל, וועט זי אויסזעהען ווי אַ גאַנצע רביצ׳ן, זאָלסט אַזוי לעבען מיט מיר

### דער „פעטער״.

זאָל מיר ווערען גוטע בשורות אָנגעזאָגט.... אַזוי, חתן-כלה געוואָרען? און ווען איז די חתונה מיט מזל?

### שרה.

גיעב נאָר אַ קוק, מיט וועם ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויס-טענה׳ן! עס שטעהט איהם טאַקע אָן; מיט אויסוואורפען, גאָט זאָל נישט שטראָפען פאַר די רייד, דער דיין, דער סופר קען נאָך אָנקומען צו געהן.

## שלמה.

ווען די חתונה איז, פרעגסט דו? ווען האָט אַ „נאַש בראַט" חתונה? עס וועלען זיין אַ פּאָר נקבות, וועט מען אַ חופּה שטעלען און אַ „הייזעל" זיך פּערלייגען, וואָס דען, קען אַ „נאַש בראַט" ווערען קיין רב שוין נישט, נאָר עס מוז עפּעס זיין עקסטראַ, פּייז פּייער און פּלאַם, (ווינקט צו איהם) אַז נישט — לוינט נישט...

## דער „פּעטער".

און וואָס ווילסט דו פון מיר, זאָלסט מיר לעבען?..

## שלמה.

וואָס איך וויל פון דיר? אַ קלייניגקייט נאָר. (ווייזט אויף הינדלען) עס איז דיין נקבה, יאָ? און דאָס איז מיין כלה. זי האָט צו דיר אַ פּרעטענזיע. (נעהמט פון הינדלען איהר לוין-ביכעל) און פון היינטמאָל אָן וועסט דו האָבען מיט מיר צו טהון, היינט וויל איך נאָר אַ קלייניגקייט. צעהן רובל אויפ'ן ביכעל. (קלאַפּט מיט דער האַנד אויפ'ן ביכעל) עס איז גוט געלד, גוט געלד. (מאַכט מיט די אויגען אויף הינדלען) זי וויל זיך דאָרט אַ קאַפּעלוש קויפען.

## דער „פּעטער".

אַלץ אונטען, אַלץ אונטען. איך וועל אַראָבקומען," וועט מען אַלע געשעפטען אָבמאַכען. דאָ קען איך דיך גאָר נישט. דאָ האָב איך מיט דיר קיין שום געשעפטען נישט.

## שלמה.

ביי מיר איז אַלץ איינס — אונטען אָדער אויבען, אונטען וואוינט נישט קיין פרעמדער, אויבען וואוינט נישט קיין פרעמדער, „ווסיאָ ראַוונאָ", איין טייוועל.

דער „פעטער״.

(בייז שוין).

קלויב דיר דיביינער צוזאַמען, מאַך פּלאַץ, דו הערסט? — אַ מע-ש דאַרף אָנקומען.

שרה.

אַ בייזע נאַכט אויף זייער קאָפּ, אויף זייער העמד און פיס, אַרויפגעקומען אונז די שמחה פערשטערען... (קוקט אויף הינדלען מיט אַבשוי) עס לוינט טאַקע איבער אַזאַ פעדערינשלאַצערין עגמת נפש צו האָבען.

הינדעל

(צו שרה׳ן).

איך געפעל איהן נישט פאַר אַ נקבה, קענען זי זיך אַליין אַראָבשטעלען.

שלמה

(מאַכט צו הינדלען).

זאָג איהר, אַז די טאָכטער קען זי אַראָבשיקען. (צו שרה׳ן) ח׳לעבען, זיי וועלען גאַנץ גוטע געשעפטען מאַכען.

דער „פעטער״

(געהט צו צו שלמה׳ן).

מיך זידעל, דו הערסט? — (ווייזט אויף דער ווייב) זי זידעל, מיר זענען „פאַן בראַט״, אָבער מיין טאָכטער׳ס נאָמען דערמאָן נישט אין דיין מויל. דו הערסט? (דערנעהנט זיך צו איהם) זי דערמאָן נישט, אַז נישט וועל איך דיר די געדערים אויפשניידען. דו הערסט? זי קען דיך נישט, דו קענסט זי נישט.

### שלמה.

ווער איך זי קענען, אַ „נאַש בראַטס״, נישט קיין ווייטע משפחה

### דער „פעטער״

(פּאַקט שלמה׳ן פאַר׳ן האַלז).

די געדערים נעהם איך דיר אַרויס... אין פּנים אַריין פּאַטש מיר, מיט די פיס קאָפּיע מיך, אָבער מיין טאָכטער׳ס נאָמען זאָלסט דו נישט דערמאָנען. (זיי רייסען זיך).

### שרה

(לויפט צו).

אַ בראָך איז מיר נישט געשעהן! אַנידערגעשטעלט קריעגען זיך מיט אויסוואורפס, דאָ קען נאָך אַ מענש אָנקומען צו געהן, וועה איז מיר, יעקל, ר׳ אלי, דער סופר... יעקל, יעקל, געדענק אָן גאָט! (שלעפּט איהם אַוועק) וואָס טהוט זיך מיט דיר? עס הערען זיך שווערע טריט פון שטייגען אויף די טרעפּ. שרה רייסט אַוועק דעם „פעטער״). יעקל, יעקל, ר׳ אלי געהט, דער סופר געהט, אַ חרפּה און אַ שאַנד פאַר לייטען!

### דער „פעטער״.

ניין, דאָ אויפ׳ן אָרט... (האַלט נאָך שלמה׳ן)

### ר׳ אלי׳ס קול

(אין דער טהיר).

זייט מוחל, סופר, דאָ וואוינט דער בעל מחנך. (ווייזט זיך אין טהיר, אַריינשטעקענדיג צוערשט זיין גרויסען קאָפּ מיט דער ליולקע). וואָס איז דאָ פאַר אַ גערודער, ביי אַ בעל-מחנך דאַרף זיין ששון ושמחה אין דער שטוב, נישט מען קריעגט זיך. (נעהמט צוריק זיין קאָפּ אין הויז אַריין) זייט מוחל, סופר. (דער „פעטער״, דערהערענדיג ר׳ אלי׳ס קול, לאָזט נאָך שלמה׳ן שרה לויפט צו און שטעקט אַריין שלמה׳ן אַ שטיק פּאַפּיערען געלד, וועלכעס זי הזט

פון זאַק אַרויסגענומען, שטופּט זיי ביידע, שלמה'ן און הינדלען, צו דער טהיר אָב; די לעצטע טרעפען זיך אין דער טהיר מיט'ן סופר און ר' אלי'ן, וועלכע רוקען זיך אָב פאַר אַ נקבה און לאָזען זיי דורך).

### שלמה

(צו הינדלען, ביים אַרויסגעהן).

זעהסט, מיט וואָס פאַר אַ לייט ער חבר'ט זיך היינט... וואָרט, וואַרט, ער וועט נאָך אַ דאָזאָר אין שטאָדט ווערען. (געהען אָב, זאָגענדיג עפּעס נאָך אין הויז).

## ר' אלי. דער סופר. די פּאָריגע.

### ר' אלי

(אַ נידריג יודעל, אַ דיקס, רעדט פלינק, מאַכענדיג דערביי בעוועגונגען מיט די הענד צו'חנפנ'דיג זיך, הוימיש און דרייסט, איבערצייגט אין זיך).

זייט מוחל, זייט מוחל, סופר, (אין דער שטיל צום „פעטער" מיט שרה'ן) איהר דאַרפט אייך שוין פיהרען אַ ביסעל אָנשטענדיגער, עס איז שוין צייט, מענשען קומען...

### דער סופר

(קומט אַריין. אַ הויכער. אַלטער יוד, זיין לאַנגער, דאַרער קערפּער הילט זיך אין אַ ברייטען חאַלאַט איין. אַ לאַנגע, ווייסע, שיטערע באָרד. טראָגט ברילען אויף די אויגען. האַלט זיך קאַלט און געהיימניספול).

### ר' אלי

(ווייזט אויף דעם „פעטער").

דאָס איז דער בעל מחנך.

### דער סופר

(שמייכעלט צו איהם אויס די האַנד, אָנקוקענדיג איהם).

## דער „פעטער"

(גיט די האַנט אַ קעגען, נישט זיכער, שרה רוקט זיך אָפּ אָן אַ זייט מיט דרך ארץ)

### ר׳ אלי

(זעצט זיך צום טיש, רוקט צו אַ שטוהל פאַר׳ן סופר).
**זעצט אייך, סופר.**

(צו דעם „פעטער").

**זעצן דיך.** (דער סופר זעצט זיך, ביי ר׳ אלי׳ן געגענאיבער טיש. דער „פעטער" — נישט זיכער).

### ר׳ אלי

(צום סופר).

**דאָס איז דיער יוד, וואָס איך האָבּ פאַר זיינעטוועגען דאָס ספר-תורה בעשטעלט.** (ער רוקט זיך צו בראָנפען און גיעסט אָן דעם סופר, דערנאָך זיך) **קיין בן-זכר האָט ער נישט, וויל ער גאָט מהנה זיין מיט אַ ספר תורה. עס איז אַ מנהג בישראל, גאַנץ שען — דאַרף מען איהם מסייע צו זיין... לחיים, סופר** (גיט איהם די האַנד. צום „פעטער", געבענדיג די האַנד) **לחיים, בעל מחנך, דו ביסט דאָך היינט דער בעל-שמחה.**

(דער „פעטער" גיט צוריק די האַנד נישט זיכער. ר׳ אלי טרינקט. שרה דערנעהנט זיך צום טיש און רוקט צו ר׳ אלי׳ן איינגעמאַכטס. דער „פעטער" ציהט זי ביים קאַפּטען און ווינקט צו איהר, אַז זי זאָל זיך ערווייטערן).

### ר׳ אלי

(נאָכ׳ן טרינקען).

**טרינקט, סופר,** (צום „פעטער") **טרינק, בעל מחנך, דו דאַרפסט דיך היינט משמח זיין, גאָט האָט דיר געהאָלפען. קענסט אַ ספר-תורה שרייבען, עס איז אַ גרויסע מצוה, אַ גרויסע מצוה.**

דער „סופר"

(האַלט דאָס כוס אין דער האַנד, צו ר' אלי'ן, אויפ'ן „פעטער").
ווער איז דער ייד?

ר' אלי.

וואָס איז דער חילוק? אַ ייד... איז ער נישט קיין למדן, אַלע מוזען דען זיין למדנים? אַ ייד וויל מקיים זיין אַ מצוה, דאַרף מען איהם מקרב זיין. (צום „פעטער") טרינק לחיים, זיי דיך משמח.

דער „סופר".

וועט ער נאָר וויסען, ווי זיך מיט אַ ספר אומצוגעהן?

ר' אלי.

ווי הייסט ער וועט נישט וויסען? ער איז דאָך אַ ייד, און וועל-כער ייד וויים נישט, וואָס אַ ספר-תורה איז? (טרינקט) לחיים, לחיים... זאָל גאָט געבען ישועות טובות אויף יודען.

דער „סופר"

(גיט די האַנד דעם „פעטער")

חיים, בעל מחנך... (זאָגט איהר אָן) זאָלסט וויסען, אַ ספר-תורה איז אַ גרויסע זאַך, אויף אַ ספר-תורה שטעהט געשטיצט די גאַנצע וועלט און יעדעס ספר-תורה איז פונקט אַזוי ווי די לוחות, וואָס זענען אַראָב-געגעבען צו משה רבינו פון באַרג סיני אַראָב. יעדער שורה ווערט געשריבען אין ספר-תורה בטהרה וקדושה... אין דעם הויז, וואו עס שטעהט אַ ספר-תורה, דאָרט געפינט זיך גאָט... מוז עס זיין אָבגעהיט פון יעדערע טומאה... ייד, זאָלסט וויסען אַז אַ ס"ת...

דער „פעטער"

(ווערט דערשראָקען, שטאַמעלט).

רבי... רבי... איך וועל זאָגען דעם רבי'ן דעם גאַנצען אמת,

וועל איך וואָגען... איך בין אַ זינדיגער מענש... רבי, איך האָב מורא...

### ר׳ אלי

(פּאַלט איהם אין די רייד אַריין, צום סופר).

דער יוד איז אַ חוזר בתשובה דאַרף מען איהם מקרב צו זיין, עס איז אַ בפירוש׳ע גמרא, און ווי הייסט ער ווייסט נישט, וואָס אַ ספר-תורה איז? ר׳איז דאָך פאָרט אַ יוד. (צום „פּעטער") פאַר אַ ספר-תורה דאַרף מען דרך-ארץ האָבען, גרויס דרך-ארץ האָבען, פּונקט אַזוי ווי אַ גרויסער רב וואָלט ביי דיר אין שטוב געוועזן. מען טאָר נישט ריידען קיין עזות׳דיגקייט אין דעם שטוב, וואו עס שטעהט אַ ספר-תורה, און מען מוז זיין אָבגעהיט מיט צניעות. (רעדט צו שרה׳ן, קוקענדיג אין איהר, נאָר נישט אויף איהר) אַ אשה דאַרף זיך נישט אויפדעקען די האָר אין דער שטוב, וואו עס שטעהט אַ ס"ת... (שרה שטופּט זיך ארונטער די האָר אונטער׳ן שייטעל) טאָר נישט צוגעהן צום ספר-תורה מיט נאַקעטע הענד. פאַר דעם, אין דעם הויז, וואו עס שטעהט אַ ספר-תורה, געשעהט קיין שום שלעכטס נישט, עס איז שטענדיג עושר והצלחה, און עס היט אָב דעם מענש פון אַלדעס בייז (צום סופר) ווי הייסט, ער ווייסט נישט? זענען דאָך יודען... (שרה שאָקעלט צו מיט׳ן קאָפּ).

### דער סופר.

ר׳ יוד, איהר הערט, אויף אַ ספר-תורה שטעהען גאַנצע וועלטען, אין דער ספר-תורה איז דער גאַנצער קיום היהדות, מיט איין וואָרט, חלילה, מיט איין וואָרט קענט איהר דאָס ספר-תורה פערשעמען און עס קען, חלילה, קומען אַ גרויס אונגליק אויף אַלע יודען, רחמנא לצלן!

### דער „פּעטער"

(שטעלט זיך אויף פון טיש).

רבי, איך וועל אַלץ זאָגען... רבי, (געהט נעהנטער צו) איך ווייס, איהר זענט אַ הייליגער יוד, איך בין נישט ווערט, אַז איהר, רבי,

זאָלט זיך געפינען דאָ... אונטער מיין באַלקען... רבי, איך בין אַ זינדיגער מענש, זי (ווייזט אויפ'ן ווייב) איז אַ זינדיגער מענש, מיר טאָרען זיך נישט צוריהרען צו אַ ספר-תורה... רבי, דערינען... (ווייזט אויפ'ן טהיר לינקס) פאַר איהר, רבי, (געהט אריין אין רבקה'לעס צימער און פיהרט ארויס רבקה'לען ביי דער האַנד. זי האַלט אין דער האַנד אַ סאַמעט קליידעל פון אַ ספר-תורה, אויף וועלכען זי העפט אַ מגן-דוד אויס מיט גאָלד-שטעך) רבי, זי (אויף רבקה'לען) מעג מיט אַ ספר-תורה אומגעהן, זי איז אַזוי כשר, ווי אַ ספר-תורה. פאַר איהר, רבי, האָב איך דאָס ספר-תורה בעשטעלט, (ווייזט אויף איהר אַרבייט) זעהט, רבי, זי העפט אויס אַ קליידעל פאַר'ן ספר-תורה'ס וועגען, זי מעג, רבי. איהרע הענד זענען כשר'ע הענד. איך, רבי, (קלאַפּט זיך אויפ'ן האַרץ) איך וועל זיך נישט צוריהרען צו אַייער ספר-תורה... זי, (אויפ'ן ווייב) זי וועט זיך נישט צוריהרען צו אַייער ספר-תורה... זי, רבי, (לייגט די האַנד אויף רבקה'לעס קאָפּ) זי וועט דער-מיט אומגעהן, ביי איהר אין שטיבעל וועל איך דאָס ספר-תורה שטע-לען, חתונה האָבען, אַרויס פון מיין הויז — נעהם דיר דאָס ספר-תורה'לע מיט מיט דיר צו דיין מאַן...

### ר׳ אלי

(צום „פעטער").

דאָס הייסט, דו מיינסט, אַז דו וועסט חתונה מאַכען דיין בתולה, וועסט דו איהר דאָס ספר-תורה נדן געבען, וואָס, ניין?

### דער „פעטער".

ר׳ אלי, אַז מיין טאָכטער וועט חתונה האָבען, וועל איך איהר נדן געבען, אַ סך געלד נדן און וועל זאָגען צו איהר אַזוי: דו געה אַרויס פון דיין טאַטענס הויז און פערגעס... פערגעס דיין טאַטען... פערגעס דיין מאַמען... און האָב כשר'ע קינדער, יודישע קינדער, אַזוי ווי יעדע יודישע טאָכטער. אָט וואָס איך וועל זאָגען צו איהר.

### ר׳ אלי.

דו ווילסט, הייסט עס, דאָס ספר-תורה אַ חתן-מתנה דיין טאָכטער'ס

חתן שענקען, וואָס, ניין? (צו דעם סופר) זעהט איהר, ר׳ אַהרן, עס זענען נאָך פערהאַנען יודען אויף דער וועלט; אַ יוד האָט אַ טאָכטער לאָזט ער שרייבען אַ ספר-תורה פאַר׳ן חתן וועגען... ווי שען איז דאָס, ווי גוט איז דאָס, איך זאָג אַייך, ר׳ אַהרן, אַז דאָס יודישקייט... אַז דאָס יודיש... אַך--אַח... (קלאַפּט מיט די ליפּען).

## דער „פּעטער"

(פּיהרט צוריק אַריין רבקה׳לען אין איהר צימער, מאַכט צו די טהיר נאָך איהר).

רבי, פאַר אייך מעג איך דאָך זאָגען, מיר זענען דאָך אַליין, מיין ווייב מעג עס הערען. רבי, מיר זענען זינדיגע מענשען. איך וויים, גאָט וועט אונז שטראָפען, זאָל ער שטראָפען. האָב איך אַ זאָרג. די פּוס זאָל ער מיר אַראָבנעמען, אַ קאַליקע זאָל ער מיך מאַכען... בעטלען זאָל איך אַרומגעהן, נאָר מיט דעם נישט... (שטילער) רבי, אַז מען האָט אַ זוהן, און ער פּאַסקודעוועט זיך — האַפּט איהם דער טייוועל, אָבער אַ טאָכטער, רבי, אַ טאָכטער פערזינדיגט זיך — איז ווי די מאַמע אין גרוב וואָלט געזינדיגט... בין איך געגאַנגען אין הייליגען בית-המדרש אַריין... בין איך צוגעגאַנגען צו דעם יוד (ווייזט אויף ר׳ אלי׳ן) און זאָג צו איהם אַזוי: דו גיעב מיר עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל אָבהיטען מיין שטוב פון זינד... מאַכט ער צו מיר: לאָז דיר שרייבען אַ ספר-תורה און שטעל עס דיר אין שטוב אַריין. רבי, אונז... סיי ווי סיי די נשמה דעם טייוועל איבערגעגעבען... פאַר איהר, רבי... ביי איהר דערינען אין שטיבעל וועל איך דאָס ספר-תורה אַריינשטעלען, זי זאָל דערמיט אומגעהן... מיר — טאָרען נישט...

(ר׳ אלי בייגט זיך אַיין צום סופר און רעדט עפּעס מיט איהם אין דער שטיל, מאַכענדיג דערביי פערשיעדענע בעוועגונגען מיט די הענד, ווייזענדיג אויפ׳ן „פּעטער". דער פּעטער און שרה שטעהען ביים טיש אין וואַרטען; פּויזע...)

## דער סופר

(נאָך אַ קורצען ישוב הדעת)

און וואו זענען בעלי-בתים? כבוד-התורה?

## ר׳ אפי.

מיר וועלען געהן אין בית המדרש אַריין, מיר וועלען צוזאַמען נעהמען אַ מנין יודען, עס וועלען זיך שוין געפינען יודען, וואָס ווילען מכבד זיין די תורה. (הויבט זיך אויף פון טיש און גיעסט אָן די גלעזלעך, קלאַפענדיג דעם „פעטער״ אויף די פלייצעס) נו, נו, גאָט וועט העלפען, זיי דיך משמח, בעל מחנך, גאָט איז מקרב בעלי תשובות... נישקשה, וועסט אויסגעבען דיין בתולה פאַר אַ תלמיד חכם, וועסט נעהמען אַ אָרים ישיבה-בחור פאַר אַנ׳איידעם, וועסט איהם פרנסה געבען, ער וועט זיצען און לערנען אין די הייליגע תורה, אין דעם זכות פון דער תורה וועט דיר גאָט מוחל זיין... (פויזע) איך האָב שוין טאַקע געקלעהרט וועגען דעם און האָב טאַקע אויפ׳ן אויג אַ חתן — אַנ׳אַנטיק, אַ פיינעם קאָפּ... דער פאָטער, זעהר אַ אָרנ׳ליכער יוד... (אָבהאַקענדיג) אַ סך ווילסט דו געבען דיין בתולה נדן?

## דער „פעטער״.

רבי, אַלץ נעהמט מיר אַוועק. די קאַפּאָטע וועל איך מיר לאָזען אויסטהון... אַלץ... אַלץ... און דו קען נישט דיין טאַטען... דיין מאַמען... הינטער אַרום וועל איך זיי שיקען. נאַ דיר דיין עסען, דיין טרינקען און לערן דיר דאָרט אין דיינע הייליגע ספרים... איך קען דיך נישט... דו קען מיך נישט...

## ר׳ אלי.

עס וועט שוין רעכט זיין. אין דעם זכות פון דער הייליגער תורה... קומט, סופר, קומט, בעל מחנך, אין בית-המדרש אַריין. אַ מנין יודען זוכען, וועלען מיר זיך מיט׳ן ספר משמח זיין... (צום סופר) זעהט איהר, ר׳ אהרן, אַ יוד, חאָטש ער זינדיגט... פאָרט אַ יוד, אַ יודישע נשמה— זוכט אַ איידעם אַ תלמיד-חכם... (צום „פעטער״) נישקשה, נישקשה, גאָט וועט העלפען... גאָט האָט ליעב בעלי-תשובות, נאָר צדקה דאַרף מען טהון לומדי-תורה; קען מען אַליין נישט, מוז מען אַ תלמיד-חכם אונטערשטיצען, וואָרום על תורה עולם עומד; אויף די תורה שטעהט

די וועלט... (צום סו ר) נישט וואָהר, ר׳ אהרן? און פאַר וואָס דען נישט? (אויפ׳ן פעטער) איך האָב דאָך זיין פּאָטער געקענט... אַ גאַנץ אָרנ׳ליכער יוד געווען... אַ בעל עגלה געווען... אַ גאַנץ שענער יוד... גלויבט מיר, גאָט וועט העלפען און דער יוד וועט נאָך ווערען מיט יודען גלייך... (צום „פעטער״) נאָר דער עיקר איז, מען מוז זיין אַ חוזר בתשובה בשלמות, דאָס הייסט, מען געהט נישט אויף דעם זעל-בען וועג, אויף וועלכען מען איז געגאַנגען... און מען שטיצט אונטער לומדי-תורה...

## דער „פּעטער״

(דרייסטער, דערנעהנטערט זיך צו ר׳ אלי׳ן).

לאָזט מיך נאָר, ר׳ אלי, אַביסעל אויפ׳ן לייב קריעגען, אַז איך זאָל מיין טאָכטער אַ שענעם נדן קענען געבען, איז מיין נאָמען נישט יעקל טשאַפּטשאָוויטש, ר׳ אלי, אויב איך מאַך נישט צו דאָס „קרע-מעל״... איך וועל האַנדלען מיט פערד, וועל איך האַנדלען... ווי מיין טאַטע, עליו השלום... איך וועל מיר אַ שטאַל פּערלייגען, פּאָהרען אויפ׳ן לאָוויטשער מאַרק, און מיין איידעם וועט זיך דאָרט, דע-רינען, זיצען און לערנען תורה. אַהיים קומען אויף אַ שבת — וועל איך מיך אָט דאָ אַנידערזעצען און וועל מיר אויסהערען ווי מיין איידעם לערנט אין די גמרות — איז נישט מיין נאָמען יעקל, אויב איך זאָג ליעגען!

## ר׳ אלי.

נישקשה, נישקשה, גאָט וועט דיר העלפען, גאָט וועט דיר העלפען. נישט וואָהר, ר׳ אהרן?

## דער סופר.

ווער קען וויסען? אונזער גאָט איז אַנ׳אל רחום וחנון — אָבער ער איז אויך אַנ׳אל נוקם ונוטר. (געהט ארוים) נו, עס ווערט דאָך שוין שפּעט, לאָז מען געהן איז בית-המדרש אַריין. (געהט אַב).

דער „פעטער״.

וואָס זאָגט דער רבי?

ר׳ אלי.

נישקשה, נישקשה, גאָט וועט העלפען... ער מוז העלפען.. קום, קום, בעל מחנך, נעהם אַהיים דאָס ספר-תורה בשמחה וששון. (געהט. דער פעטער וויגערט זיך. ווייסט נישט, וואָס צו טהון. ר׳ אלי בעמערקט עם). וואָס, דו ווילסט נאָך עפּעס דיין פלונית זאָגען, אַז זי זאָל אָנ-גרייטען, ווען מיר וועלען מיט׳ן ספר קומען?

שרה.

(צו ר׳ אלי׳ן).

עס איז אָנגעגרייט, ר׳ אלי, אָנגעגרייט.

ר׳ אלי.

נו, וואָס וואַרטסטו? דער סופר איז שוין געגאַנגען.

דער „פעטער״

(שטעהט ביי דער טהיר, נישט זיכער, וויזט מיט׳ן פינגער).

איך אינאיינעם מיט׳ן רבי׳ן איבער דער גאַס?

ר׳ אלי.

קום, קום, אַז גאָט איז דיר מוחל, זענען מיר דיר אודאי מוחל.

דער „פעטער״

(ענטוזיאַסטיש).

ר׳ אלי, איהר זענט אַ גוטער רבי, (שפּרייט אוים די הענד, וויל איהם

ארומנעהמען, דערמאָנט זיך, האַלט זיך צוריק). אַ גוטער רבי... זאָל איך שוין אַזוי לעבען... (געהען אַב אינאיינעם. עס ווערט פאַרנאַכט).

שרה. נאָכהער רבקה'לע.

שרה.

(געהמט זיך פלינק די שטוב צוצורוימען, דעם טיש גלייך צושטעלען. רופט אין דער צווייטער שטוב, צו רבקה'לען):

רבקה'לע, רבקה'לע, קום מיר אַריין העלפען, מען ווערט דאָך באַלד מיט'ן ספר-תורה אָנקומען צו געהן.

רבקה'לע.

(ווייזט זיך אין דער טהיר. נישט וויבער).

דער טאַטע איז שוין נישט דאָ?

שרה.

ניין, רבקה'לע, ער איז געגאַנגען אין בית-המדרש אַריין מיט ר' אלי'ן, מיט'ן סופר, נאָך בעל-בתים, דער רב ווערט קומען.

רבקה'לע

(ווייזט דאָס ספר-תורה-קליידעל).

זעהסטו, ווי שען איך האָב עס אויסגעהאָפטען?

שרה

(פערנומען).

איך זעה, איך זעה. קעם זיך אויף, טו זיך אָן, די בעלי-בתים וועלען דאָך קומען... דער רב...

רבקה'לע.

איך וועל אַרויפרופען מאַנקען, זי זאָל מיך אויפקעמען, איך האָב

אַזוי ליעב, אַז זי קעמט מיך אויף. זי פערקעמט מיך אַזוי שען, אַזוי גלייך די האָר... איהרע הענד זענען אַזוי קיהל... (נעהמט עפּעס אין האַנד און קלאַפּט אין דער פּאָדלאָגע, רופענדיג): מאַנקע, מאַנקע!

שרה

(דערשראָקען).

וואָס טהוסטו, רבקה׳לע, ניין, דער טאַטע וועט שרייען. עס פּאַסט שוין נישט פאַר דיר, דו זאָלסט דיך חבר׳ן מיט מאַנקען, דו ביסט שוין אַ כלה-מיידעל, אַ בעל-הבתיש קינד, מען רעדט דיר שדוכים, פיינע שדוכים, מיט לערן-קינדער...

רבקה׳לע.

איך האָב אַזוי ליעב מאַנקען.

שרה.

עס איז אַ חרפה פאַר דיר צו חבר׳ן זיך מיט מאַנקען... דו ביסט אַ בעל-הבתיש קינד, דו וועסט דיך חבר׳ן מיט בעל-הבתישע קינדער... מען רעדט דיר שוין שדוכים, פיינע שדוכים, דער טאַטע איז גע-גאַנגען דעם חתן זעהן פאַר דיר, ר׳ אלי האָט געזאָגט... (געהט אָב אין דער צווייטער שטוב אריין) מען דאַרף זיך אָנטהון, ריין אַרומוואַשען... די געסט וועלען באַלד קומען...

רבקה׳לע.

אַ חתן, וואָס פאַר אַ חתן, מאַמעשי?

שרה

(פון דער צווייטער שטוב).

אַ חתנ׳דעל — אַ גאָלד, אַ פיין לערן-קינד, פון אַ שענער משפחה.

(מאַנקע ווייזט זיך אין דער טהיר פון געגענאיבער דער סצענע, שטעקט צו-

ערשט אַריין דעם קאָפּ, ווינקענדיג קאָקעט מיט'ן פינגער אויף רבקה'לען; רבקה'לע דערנעהנטערט זיך צו איהר הינטערוויילעכס, ווינקענדיג צו מאַנקען. אין שטוב הייבט אָן צו טונקלען.)

### רבקה'לע.

(פאַלט אין מאַנקעס אָרעמס. רעדט צו דער מוטער אין דער צווייטער שטוב אַריין).

עפּעס אַ שענער חתן, מאַמעשי?

(מאַנקע קושט זי ליידענשאַפטליך).

### שרה

(פון דער צווייטער שטוב).

יאָ, טאָכטערשי, אַ שענעם חתן, מיט צוויי שוואַרצע פּאה'לעך, אַנ'אַטלאַסין קאַפּאָטעל מיט אַ סאַמעטען קאַשקעטעל, ווי אַ רב געהט ער אָנגעטהון, ער איז אַ רב'ס אַ זוהן, ר' אלי האָט געזאָגט.

### רבקה'לע

(אין מאַנקעס אָרעמס, גלעטענדיג מאַנקעס באַקען).

וואו וועט ער זיין, מאַמעשי?

### שרה

(פון דער צווייטער שטוב).

דאָרט, דערינען ביי דיר אין שטיבעל, וואו דאָס ספר־תורה וועט שטעהן, וועט ער דאָרט וואוינען מיט דיר און לערנען אין די הייליגע תורה.

### רבקה'לע.

(אין מאַנקעס אָרעמס).

וועט ער מיך ליעב האָבען, מאַמעשי?

**שרה**

(ווי פריהער).

**זעהר, טאָכטערשי, זעהר. עטץ ועט האָבען אָרענטליכע קינדער, כשר'ע קינדער ...**

(אין דער צייט, ווען זיי ריידען, פאלט די פאָרהאנג זעהר לאנגזאם, איבער־לאָזענדיג די שפילענדע אין דער זעלבער פאָזע).

(פאָרהאנג).

---

# צווייטער אַקט.

---

## סצענע.

אין קעלער-שטוב.

אַ גרויסע קעלער-שטוב אין אַן'אַלטער געביידע. אַ טיעפער אויסגע-וועלבטער באַלקען. האַרט ביים באַלקען — צוויי טיעפע, גידריגע פענסטערלעך מיט פאָרהאַנגליך און בלומען-טעפּ זענען אויפגעפענט און עס רעגענט דורך זיי אַריין ... אַ טרעפּ אַרויף צו דער טהיר, וועל-כע איז געמאַכט אין דעם אָרט, ווו אַ שיעף-געביידע. די ערשטע העלפט פון דער טהיר איז אויפגעעפענט אין דער נאַכט אַריין, פון וואַנען עס טריפט אַ דין-רעגענדעל אַהער. אין הינטערגרונד — איניגע, גאַנץ קליינע, חדרים'לעך, אָבגעזונדערט איינס פון דעם צווייטען מיט דינע וועגטלעך, פערהאָנגען מיט דיקע שוואַרצע פאָרהאַנגען. איין פאָרהאַנג איז אויפגעדעקט, — אין דעם צימערעל שטעהט אַ בעט, אַ וואַש-טיש, אַ שפיגעל און מיידעל-געשיר, מיט אַ קאָליערט נאַכט-לעמפּעל. דאָס מעבעל פון דעם קעלער-שטוב בעשטעהט פון איניגע קאַנאַפּעס, טיש, בענק, קאָרטען-טישלעך. די ווענט זענען בעהאָנגען מיט שפיגלען, בעפוצט מיט ביליגער גאַלאַנטעריי, פרויען-בילדער אין רייצענדע פּאָ-זעס... אויף איינע פון די קאַנאַפּלעך ליגט שלמה אויסגעצויגען, די לאַנגע שטיוועל זיינע דערגרייכען ביז צו אַ צווייטען בענקעל. ער שלאָפט. פריהלינגס-נאַכט. די שטוב בעלייכטעט אַ גרויסער העגג-לאָמפּ.

## שלמה. נאכהער הינדעל.

### הינדעל

(קומט אריין, שטעהט אַ מינוט אויף די טרעפּ און קוקט אראָב אויף שלמה'ן. זי איז אין אַ לייכטער טוך ארומגעהילט, קאקעט געקליידט אין אַ קורץ קלייד, אַ נישט פּאסענדע לויט איהרע יאָהרען. געהט ארום אין שטוב, קלאַפּענדיג מיט די פּיס, כדי שלמה זאָל זיך אויפוועקען.)

### שלמה

(וועקט זיך, קוקט זיך ארום).

דו ביזט עס? וואָס נישט אין דרויסען?

### הינדעל.

עס האָט אָנגעהויבען צו רעגענען.

### שלמה

(אויפזיצענדיג אויף די קאנאפּע).

ענטפערסט מיר גאָר, פּריצ'טע? האָסט זיך שוין מיט מיר איבער־געבעטען?

### הינדעל.

איך בין גאָר נישט ברוגז געווען.

### שלמה.

אַזוי... אַז דו ווילסט, קענסט דו ווייטער אויך ברוגז זיין.

(לייגט זיך צוריק).

## הינדעל

(קוקט זיך אום. לויפט צו צו א פאָרהאַנג און האָרכט זיך איין, לויפט צו צו שלמה׳ן).

שלמה, איך וועל פון דאַנען נישט אַוועקגעהן. זעה, יעצט זענען מיר אַליין, קיינער הערט אונז נישט, זאָג מיר, אַזוי ווי עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, זאָג מיר, מיינסט מיט אַנ׳אמת צו שטעלען אַ חופה?

### שלמה.

געה, פריצ׳טע, מאַך דיר קניפּלעך אין העמד, און בעקלאָג דיך דערנאָך פאַר׳ן „פעטער”, אַז איך נעהם ביי דיר דאָס גאַנצע געלד אַוועק. דו האָסט דיר נישט, פאַר וואָס אַ קאַפּעלוש צו קויפען...

### הינדעל.

יאָ, איך האָב געזאָגט. עס האָט מיך געקרענקט, אונטער׳ן האַרץ געשניטען. דאָס העמד פון לייב נעהמסט דו מיר אַראָב און דו קריכסט צו דער געלער צויג... דאָס פרצוף וועל איך איהר מיט פעטראָל בע-גיסען. מען שפּירט דאָך איהר פון מויל. ווי קען מען ביי אַזעלכעס שטעהן? אויסגעזוכט זיך אַ סחורה!

### שלמה.

טרעטסט אָב? גיב איך דיר אַ פלעם צווישען די אויגען, זעהסט דו די עלטער-באָבע פאַר זיך!

### הינדעל.

שלאָג, שנייד פּאַסען פון מיין לייב... (רייסט אַראָב דעם אַרבעל פון איין האַנד און ווייזט) בלאָהע פלעקען האָסט דו מיר געמאַכט. (רייסט דעם אַרבעל פון דער צווייטער האַנד) נאַ דיר, שנייד, קנייפּ, נאָר זאָגען זאָלסט דו מיר, דאָ אויפ׳ן אָרט, אַזוי ווי דו געדענקסט דיין טאַטען אין קבר און אַזוי ווי דו זאָגסט קדיש נאָך איהם — ווילסט טאַקע אויף דעם רעכ-טען אמת מיט מיר חתונה האָבען?

### שלמה

(ליגענדיג).

איך האָב אַמאָל געוואָלט. נאָר היינט וויל איך נישט.

### הינדעל

דאַרף מען נישט. אָט אַזוי האָב איך ליעב. נאָר נאַרען זאָלסט דו נישט. ווילסט געלד — זאָג, אַ קאַפּאָטע — נאַ דיר. נאָר צו גענאַרען וואָס האָסט דו? (ערווייטערט זיך פון איהם).

### שלמה.

נישקשה, חזנים זענען דאָ אויף דער וועלט, וועסט פּאַקען אַ העכט.

### הינדעל

(אויפרוקענדיג די פּערהאַנג פון איהר צימערל).

וואָס האָסט דו דיר דעם קאָפּ אויסצודאַרען פּאַר מיינעט וועגען?

### שלמה.

ווילסט נישט, דאַרף מען נישט. (פּויזע) נו, וועסט חאָטש נאָך ווּעלען אַ גלאָז טהיי דערלאַנגען?..

### הינדעל

ברענגט איהם אַריין אַ גלאָז טהיי פון איהר שטיבעל, שטעלט אויפ'ן טיש, אליין געהט זי אָב צו זיך אין איהר צימערל, זעצט זיך אַנידער ביי איהר קאַסטען, זוכט דאָרט אין איהם. נאָך אַ קליינע פּויזע, פון איהר חדר'ל).

אַזוי, איז זי דיר געפעלען, נו... נו... וועסט דו יעצט האָבען אַ געטועכטס, האַנטיכער צו קויפען — דיין ווייבעלס ברוסטען אָנצופי-הלען, צייהן איהר לאָזע אַריינשטעלען און אויף שטאַלצען זי אַרויפ-

שטעלען, און וועסט דיר אַ קאַטאַרינקע קויפען און. אין הויפען זי אַרומפיהרען, ווייזען ס׳געווערק. אַ שענער קאַטאַרינאַרש, כ׳לעבען. איך וועל דיר אויך אַ צווייער פון פענסטער ־ראָבוואַרפען.

שלמה.

האַלט ס׳פיסק, זאָג איך דיר...

הינדעל.

און אַז נישט, וואָס וועסט דו מיר טהון?

שלמה.

אָנפּאַטשען.

הינדעל.

אָ, אָ, היינט פּאַטשט מען נישט, היינט גיט מען פּאַר פּעטש מיט מעסערס צוריק.

שלמה.

(שטעלט זיך אויף).

ווער דאָס אַזעלכעס? (געהט אריין צו איהר אין צימערל) ווער דאָס אַזעלכעס? (זי בעהאלט עפּעס פלינק אין קאסטען) וואָס האָסט דו דאָ אַזוינס, וואָס דו בעהאַלטסט עס אַזש אין דער זיידענער בלוזע?

הינדעל.

וואָס געהט עס דיר אָן?

שלמה.

ווייז, זאָג איך דיר! (רייסט זיך מיט איהר, רייסט פון איהר האנד א

דויטע בלוזע ארויס. ער קומט פון דעם צימער׳ל ארויס) נו, זאָל מען אָקאָרשט זעהן. (ער צורייסט די בלוזע מיט אימפעט, עס פאלט ארויס פון איהר א פאָטאָגראַפיע.) אַהאַ, משה׳לע שלאָסער, ער זאָל דער גביר זיין? פון ווען אָן ביסטו דאָס מיט איהם „פאַן-בראַט״ געוואָרען? (געהט אריין צו איהר אין צימערל).

## הינדעל.

וואָס געהט עס דיך אָן?

## שלמה.

אָט וואָס ס׳געהט מיך אָן... (ער פאטשט זי אוים, זי פאלט אויפ׳ן בעט און וויינט) אַזוי, מיט משה׳לע שלאָסער חבר׳סט דו זיך גאָר, פאָטאָגראַפיעס געגעבען, חתן-כלה-פּאָר, און איך האָב גאָרנישט געוואוסט? (פויזע. אָבגעהענדיג צוריק צו זיין טיש) און איך האָב עס גאָר נישט געוואוסט... (טרינקט ווייטער דעם טהיי, שטעלט זיך אויף, געהט אויף די טרעפּלעך צו דער טהיר) און איך האָב עס גאָר נישט געוואוסט... (ער שטעלט זיך אָב ביי דער טהיר) הינדעל! (זי ענטפערט נישט) הינדעל, אַהער קום! (זי ענטפערט נישט) הינדעל! (טופעט מיט די פיס, בייז אראָבלויפענדיג פון די טרעפּלעך) אַהער, זאָג איך דיר, דו הערסט?...

## הינדעל.

(הויבט זיך אויף פון איהר בעט, געהט אַהין צו איהם, פערשטעלט זיך דאס פנים מיט א טיכעל.)

וואָס ווילסטו?

## שלמה.

האָסט מיט מאַנקען גערעדט?

## הינדעל.

(וויינענדיג).

שלמה.

נו, וואָס זאָגט זי ?

היגדעל

(נאָך מיט געוויין).

אַז מיר וועלען האָבען אונזער „הייזעל", וועט זי צו אונז אַריבערקומען.

שלמה.

געוויס ?

הינדעל

(ווישט זיך אויס די אויגען).

יאָ, אַליין וויל זי אָבער נישט געהן, אַ חבר'טע יויל זי מיטברענגען.

שלמה.

געוויס, פון איין נקבה וועסטו פרנסה האָבען, דירה-געלד צאָהלען ?

הינדעל

מען וואָלט געדאַרפט איינע אַ פרישע...

שלמה.

ח'לעבען, דאָס וואָלט שוין פרנסה געגעבען, וואו נעהמט מען זי אָבער ?

הינדעל.

איך האָב אַנ'אויג אויף אַ נקבה—אַ פּאַרשוין ווי אַ בוים, אַ מיידעל נאָך...

ש ל מ ה

(נייגיריג).

עס קען זיין פון איהר פרנסה?

ה י נ ד ע ל.

אָבער נאָך ווי...

ש ל מ ה.

אַ מיידעל... אַ נקבה פון אַ הייזעל?

ה י נ ד ע ל

ניין, אַ בעל-הבית׳ישע טאָכטער.

ש ל מ ה.

פון וואַנען קענסט דו זי?

ה י נ ד ע ל.

זי קומט צו מאַנקען יעדע נאַכט, גנב׳עט זיך אַרויס פון פאָטערס שטוב... קיינער זעהט נישט... עס ציהט זי אַהער... זי איז אַזוי יינזיריג...

ר ב ק ה ׳ ל ע

(שטעקט אריין איהר נאָסען קאָפּ דורכ׳ן פענסטער, ווינקט צו הינדלען).

פּס-ס-ס, דער טאַטע איז דאָ?

ה י נ ד ע ל

(ווינקט צו איהר).

(רבקה'לע געהט אָב פון פענסטער).

שלמה

(מאַכט מיט די אויגען צו הינדלען).

זי, דעם „פּעטערס" טאָכטער? אַ פרנסה — אַ גאָלד!

הינדעל.

שאַ, שטיל, זי קומט.

רבקה'לע

(שלאַנק און שען, בעל-הבתיש געקליידט, אין אַ שווארץ טיכעל ארומגעהילט, שלייכט זיך אריין אין דער שטיל, לויפט אראָב מיט הארץ-קלאפעניש פון די טרעפּ, רעדט מעהר מיט די הענד, ווי מיט'ן מויל).

מאַנקע וואו איז? דאָרט? (ווייזט אויף א פערהאָנגען צימערל) דאָרט... מיט?...

הינדעל

(ווינקט איהר מיט די אויגען אויף יאָ).

רבקה'לע

(שטעלט זיך אונטער די פּאָר אַנג, הערט זיך ליידענשאַפטליך איין. מיט הארץ-קלאַפּעניש קוקט זי זיך אַלע מאָל ארום).

שלמה

(אין דער שטיל, צו הינדלען).

מען דאַרף מאָרגען געהן די וואוינונג זעהן, אויף פיוונע גאַס.

הינדעל.

ווען וועט מען די חופה שטעלען?

שלמה.

מען מוז דאָך צו ערשט אַ וואוינונג האָבען.

הינדעל.

ווער ווייסט, וויפעל דער רב וועט זיך הייסען געבען פאַר מסדר קדושין זיין?

שלמה.

עס זאָל נאָר נאָך איבערבלייבען אויף מעבעל אַיינצוקויפען, עס דאַרף דאָך אויסזעהען לייטליך.

(די טהיר פראַלט זיך מיט רעש אויף, עס קומט אריין דער פעטער).

דער „פעטער".

דאָס געזיכט האָט נאָך אין זיך געגנוג לאָבוסעוואַטע שפורען, וועלכע פערצעהלען פון זיין יוגענד. געקליידט שוין ערנסט. קלאַפּט אָב דעם הוט פון רעגען).

נאַ דיר אַ פרנסה, אַ רעגען גאָר (דערזעהט פלוצלונג רבקה'לען, מיט כעס). וואָס, דאָ? (חאַפּט זי אָן פאַר'ן קאָלנער און טרייסעלט זי, קריצענדיג מיט די ציינער) וואָס טהוסט דו דאָ?

רבקה'לע.

די מאַמ... די מאַמע האָט מיך געהייסען... רופען... (וויינט) טאַטע, שלאָג מיך נישט!

דער „פעטער".

די מאַמע, די מאַמע האָט דיך געהייסען... דאָ... (שרייט) די מאַמע! (פיהרט זי פאַר'ן קאָלנער אויף די טרעפּ ארויף) צו אַלדעס שלעכטס וועט זי דיך נאָך ברענגען! עס ציהט זי... זי וויל האָבען, אַז די טאָכטער זאָל זיין ווי די מאַמע איז געווען..

רבקה׳לע

(וויינט).

טאַטע, שלאָג מיך נישט...

דער „פעטער".

איך וועל דיך לערנען, ווי דו זאָלסט אַ טאַטען פאָלגען. (פיהרט זי אַרויס, פון דרויסען הערט מ׳ען רבקה׳לעס געוויין).

שלמה.

יענקעלע בענקאַרט, עס פּאַסט איהם גאָר נישט אָן, אַז די טאָכטער זיינע זאָל זיין אַ נקבה... (פון באַלקאָן דערהערט זיך אַ גערודער, אַ טאָפּען מיט די פיס, אַ וויינענדיג קול פון אַ פרוי) מוז ער דאָס איבער דעם ווייב דאָס לעדער צוהאַקען: אָווא... אָווא...

הינדעל.

גאַנץ גוט אַזוי, אַ מאַמע דאַרף היטען אַ טאָכטער... וואָס דו ביסט געוועזן, — ביסט דו געוועזן, האָסט דו חתונה געהאַט, האָסט דו אַ קינד, היט עס... וועסט זעהן, אַז גאָט וועט העלפען און מיר וועלען האָבען אונזערע קינדער, וועל איך זיי שוין וויסען ווי אויפצוציהען. ביי מיר וועט אַ טאָכטער זיין אַזוי ריין ווי אַ צדקית, רויטע באַקען ווי די באָרקעס... קיין אויג נישט לאָזען אויף איהר פאַלען, חתונה האָבען — יאָ, נעהמען אַ לייטישען מענש — חופה-וקדושין...

שלמה.

(קלאַפּט איהר אויף די פּלייצעס).

אַז מיר וועלען לעבען, וועלען מיר זעהן. נאָר מיט רבקה׳לען רעד, מיט רבקה׳לען אַרבייט, ברודער, אַז נישט איז אַלץ פערפאַלען.

הינדעל.

האָב נישט קיין מורא, איך וועל מיר שוין אַנ׳עצה געבען.

שלמה.

ווּעלען מיר זעהען. (פויזע. שטיל.) אַז דו ווּעסט זי פּאַקען, פּערפּיהר גלייך אַריבער צו מיר פּאָרט, ווייסט שוין...

דער „פּעטער"

(קומט אריין בייז).

עס איז שוין צייט נאַכט צו מאַכען, עס רעגענט, עס ווּעט שוין סיי-ווי-סיי קיין הונד נישט אַריינשמעקען. (קוקט אויף שלמה'ן) גע-נוג, גענוג זיך שוין אויסגעפּרעהט חתן-כלה. נאַכט מאַכען. (געהט ארויף אויף די טרעפּלעך און רופט) רייזעל, שלאָפען! באַשאַ, שלאָפען!

(פון דרויסען הערען זיך מיידעלשע שטימען: באַלד, באַלד.)

הינדעל.

(ווינקט צו שלמה'ן אויפ'ן „פּעטער", מאַכענדיג מיט דער האַנד, אַז ער זאָל אהיים געהן.)

שלמה.

(געהט אַרויף אויף די טרעפּלעך. ביים אַרויסגעהן טרעפט ער זיך אָן מיט'ן „פּעטער". קוקען זיך אָן).

דער „פּעטער".

רוק, רוק, שוין צייט נאַכט צו מאַכען, גענוג זיך שוין אויס-געסוד'עט.

שלמה

(שטעקט די הענד אין די הויזען-קעשענעס. קוקט איהם אָן).

פון ווען אָן ביסטו מיר אַזאַ אָרנטליכער מענש געוואָרען?

באַט פון נקמה 3

דער „פעטער".

וואַנדער, וואַנדער, איך וועל דיר שויז שפּעטער דערצעהלען.

שלמה.

אַ רוח אין דיין טאַטען אַריין...

הינדעל

(לויפט אַרויף אויף די טרעפּלעך. צו שלמה'ן).

שלמה, אַהיים געה, דו הערסט, אַהיים זאָג איך דיר!

שלמה

(געהט אַרוים, קוקענדיג אויפ'ן „פעטער").

מיינע יאָלדען!...

דער „פעטער".

איך דאַרף איהם דאָ... (ווייזט אויף הינדלען) קענסט דיר די אַלטע פּאַדלע מיטנעהמען און פערלייגען זיך מיט איהר אַ „קרעמעל".

הינדעל.

מיט קיין אַלטע פּאַדלעס פערלייגט מען זיך נישט קיין „קרע-מעל", אין אַלטע פּאַדלעס לייגט מען זיך אַריין אויסרוהען... מיט יונגע לאַלקעלעך...

דער „פעטער"

(רופט אין קאָרידאָר)

רייזעל! באַשאַ!

(צוויי מיידלעך קומען צולויפען. פון די לייבטע, נאַסע, דורכזועהענדע קליידער

גיסט זיך וואַסער, פון די צופלאַכטענע האָר רינען טראָפּענס וואַסער. זיי זענען אויפגערוימט, ריידן לאַכענדיג. דער „פעטער" האַקט צו די טהיר, געהט אַרויס.)

## באַשאַ.

(אַ פּראָווינציאַל מיידעל, אַ דיקע מיט רויטע באַקען, נאַאיוו, רעדט מיט אַ האַרטען אַקצענט.)

ווי דער רעגען שמעקט... (טרויסעלט אָב פון זיך דעם רעגען) פּונקט אַזוי ווי די עפּעל ביי אונז, וואָס טריקענען זיך אויפ'ן בוידעם... עס איז דאָך דער ערשטער מאַיאָווער רעגען...

## הינדעל.

אַ משוגעת צו שטעלען זיך אויפ'ן רעגען, די גאַנצע וועלט ווי-לען זיי איינגעהמען... עס וועט סיי-ווי-סיי קיין יאָלד נישט בעווייזען זיך אין אַזאַ גוס... (געהט אָב צו איהר אין חדר'ל, וואו די פאָרהאנג איז אויפגערוקט, זעצט זיך ביי איהר קאָרב, פּאַקט פאַנאַנדער די צעוואָרפענע זאַכען.)

## רייזעל

(אָבטרייסלענדיג פון זיך דעם רעגען).

אויף אַלדע שוואַרץ יאָהר דאַרף איך זיי. מיין ביכעל האָב איך נאָך איינגעוויכטען בעצאָהלט... מיר האָבען זיך הינטער דער רינגע גע-שטעלט, דער רעגען שמעקט /וי... דעם גאַנצען ווינטער וואַשט ער פון קאָפּ אָב. (געהט צו צו הינדלען) זעה... (ווייזט איהר די נאסע האָר) ווי פריש ער איז... ווי ער שמעקט...

## באַשאַ.

ביי אונז דאָרט, אין דער היים, אויפ'ן דאָרף מוז שוין אודאי דער ערשטער שטשאַוו זיין. ח'לעבען, אַז דער ערשטער מאַיאָווער רעגען גיסט, קאָכט מען שוין ביי אונז שטשאָוו-באָרשט... און די צי-גען מוזען שוין זיך אויף די לאָנקעס פּאַשען... און די טראַטוועס מו-

זען שוין אודאי איבער׳ן וואַסער שווימען... און פראַנעק נעהמט די שיקסעס צוזאַמען און טאַנצט אין דער קרעטשמע... און די ווייבער מוזען שוין אודאי קעז-קיכלעך אויף שבועות באַקען... (פויזע) ווייסט איהר וואָס? איך וועל מיר קויפען אַ נייע זומער-פּאָלערינע און פאָהר מיר אויף שבועות צו גאַסט אַהיים... (לויפט אַריין אין איהר צימער׳ל, ברענגט זיך פון דאָרט אַ גרויסען זומער-קאַפּעלוש אַרויס מיט אַ לאַנגען פליה-שלייער, זעצט איהם זיך אויפ׳ן נאַסען קאָפּ אַרויף, און שטעלט זיך אין שפּיגעל אַריין.) זעהט׳ס, אַז איך ווייז מיך אַזוי שבועות אין דעם קאַפּעלוש, אַזוי׳ צו די קאָליע אַראָבשפּאַציערען... אַך, די גאַל וואָלט זיי גע־פּלאַצט פאַר קנאה, וואָס, ניין? איך וואָלט נאָר נישט פאַר׳ן טאַטען מורא געהאַט...

## ריי זעל.

וואָס, ער וואָלט דיך געשלאָגען?

## באַשאַ.

גענוויט וואָלט ער מיך אויפ׳ן אָרט. ער זוכט מיך אַרום מיט אַנ׳אייזערנעם באָטעק. ער האָט מיך אַמאָל מיט פראַנעק׳ן געטראָפען אין דער קרעטשמע טאַנצען, האָט ער מיר מיט אַ דראָנג געגעבען אַזאַ קלאַפּ איבער׳ן האַנד, אָט, (ווייזט די האנד) איך האָב נאָך אַ ציי־כען ביז צום היינטיגען טאָג. (פויזע) איך בין אַ בעל-הבתיש קינד, מיין טאַטע איז אַ קצב. וואָס מען האָט מיר שוין שדוכים אויסגע־רעדט... (דערצעהלט מיט א נידריגען טאָן) איין שדוך האָט מען מיר גע־רעדט מיט נאָטקע פלייש-האַקער. איך האָב נאָך פון איהם דאָס גאָל־דענע פינגערל. (ווייזט אַ פינגערל אויף דער האנד) ער האָט מיר חל-המועד סוכות געגעבען. אוי, האָט ער מיט מיר געוואָלט אַ חתן ווערען, נאָר איך האָב נישט געוואָלט.

## ריי זעל.

פאַרוואָס האָסטו נישט געוואָלט?

### באַשאַ.

ווייל איך האָב נישט געוואָלט... עס שטינקט פון איהם דאָס אָקסען-פלייש... בּרר... פּראָשיק רופט מען איהם. געה האָב חתונה פאַר פראָשיק'ן און האָב יעדעס יאָהר אַ קליין פּראָשיקל... בּרר...

### רייזעל.

און וואָס האָסטו דאָ...

### באַשאַ.

דאָ בּין איך דאָך מיר אַ פרייער מענש, איך האָב מיר מיין קאָרב שענע וועש, אָנשטענדיג געקליידט, ח'לעבען, אַ ביסעל שענערע קליידער ווי אונזערע נגידה'סטע. (בּרענגט אַריין פון איהר צימערל אַ קאָרינקאָווע העל קלייד) אַז איך געה אין דעם אַרויס אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע גאַס ווערט אַ געקוק... פייער און פלאַם! אַך, ווען איך וואָלט מיך אַזוי אין דעם קלייד בּיי אונז אין שטעדטעל געקענט ווייזען, (וואַרפט אַרויף אויף זיך דאָס קלייד) וואָלט איך מיר אַזוי שפּאַציערט צום בּאַהן אַראָב. (געהט איבּער'ן צימער גאַלאַנט, דערהויבּענדיג פון הינטער זיך דאָס קלייד, מאַכענדיג דערבּיי אַ גרויס-שטעדטישע מינע). די גאַל וואָלט דאָך זיי געפּלאַצט... די פּאָפּלעקציע וואָלטען זי געקריגען אויפ'ן אָרט. (שפּאַצירט איבּער די שטוב אין איהר סטרוי, פּעציהענדיג דאָס געזיכט גרויסאַרטיג.)

### רייזעל

(פּעררינּט איהר די פאלדען פון קלייד פון הינטען אויס. זעצט איהר בּעסער דעם הוט אויפ'ן קאָפּ).

אָט אַזוי, דעם קאָפּ נאָך אַ ביסעל אין דער הויך... ווער דאַרף דען צו וויסען, אַז דו בּיזט אין אַזאַ הויז געוועזען? דו ווערסט זאָגען, אַז דו בּיזט אין אַ געשעפט. אַ גראַף האָט זיך אין דיר פּערליעבּט...

### הינדעל

(פון איהר קאסטען אַהער).

און וואָס איז דען דער מעהר אַזאַ הויז? מיר זענען נישט,

אפשר, אַזוי ווי די מיידלעך אין די געשעפטען? היינט איז די גאַנצע וועלט אַזוי, די היינטיגע וועלט פערלאַנגט עס. היינט זענען אפילו די בעל-הבית׳ישע טעכטער נישט בעסער. דאָס איז אונזער פרנסה, אָבער אַז אַזאַ איינע, ווי מיר, האָט חתונה, איז זי געטרייער דעם מאַן פון זיי. מיר ווייסען, וואָס אַ מאַן איז דער טייטש...

## באַשאַ

(שפּאַצירענדיג איבער דער שטוב אין דער פאָריגער פּאָזע).

אָ, יאָ, שען וואָלטען זיי שוין נישט דערקענט? דאָס האַרץ זאָגט שוין... און די מאַמע איז דעריבער געשטאָרבען... נישט געקענט איבערטראָגען... איך בין ס׳מאָל אויף איהר קבר נישט געווען... (שטעלט זיך אָב פּלוצלונג אין מיט׳ן שטוב) טייל מאָל קומט זי צו מיר... ביי נאַכט אין חלום, איך זעה זי, קומט זי צו מיר אין איהרע תכריכים מיט דערנער, מיט שטעכערס בעלייגט, איבער מיינע זינד, און רייסט מיר די קודלעס פון קאָפּ...

## רייזעל.

אוי וויי, מאַמע-קרוין! האָסט זי געזעהן? ווי זעהט זי אויס? אַ געשטאָרבענע מאַמע? בלייך איז זי?...

## הינדעל.

שווייגט! גענומען זיך ביי נאַכט פערצעהלען פון טויטע, דאָ קענען קיין טויטע נישט אַריינקומען: אונזער בעל-הבית האָט דאָך אויבען ביי זיך אַ ספר-תורה שטעהן... (אָבגעהאקט. פּויזע) איז אונזער בעל-הבית׳טע פּופּצהען יאָהר אין אַזאַ הויז אָבגעווען, חתונה געהאַט, איז זי אפשר נישט קיין אָרנ׳ליך ווייבעל?... היט זי אפשר נישט אָב די דינים, וואָס אַ יודישע טאָכטער דאַרף אָבהיטען?... איז אפשר רבקה׳לע איהר טאָכטער, נישט קיין כשר, ריין קינד? און אונזער בעל-הבית איז אפשר נישט קיין אָרנ׳ליכער מענש? פיהרט זיך נישט פיין אויף? די שענסטע נדבה... אַ ספר-תורה געלאָזט שרייבען...

### רייזעל.

מען זאָגט אָבער, אַז אין אַזאַ ספר-תורה טאָר מען נישט לייענען, און די טעכטער פון אַ זעלכע מאַמעס ווערען דערנאָך אַליין ווי די מוטערס... עס ציהט זיי, דער יצר-הרע שלעפּט זיי אין דער בלאָטע...

### הינדעל

(דערשראָקען).

ווער האָט דאָס געזאָגט?

### רייזעל.

אַנ׳אַלטע באָבע, אַ כשוף-מאַכערין האָט עס מיר געזאָגט... אַזוי ווי כשוף איז דאָס...

### הינדעל.

עס איז אַ גרויסער ליגען... וואו איז זי, די ציגיינערין, וואָלט איך איהר די אויגען אויסגעדראַפּעט... עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט... מיר האָבען אַ גרויסען גאָט אויף דער וועלט...

### מאַנקע

(שלייכט זיך אונטער די פאָרהאַנג פון איהר צימערל ׳אין האַלבע נאַכט-קליידער. אַרויפגעוואָרפען אויף זיך אַ לייכטע טוך. מען זעהט ביי איהר אַרויס די הויכע קאָלירטע שטרימפּף, די האָר צופלאָשעט. זי איז זעהר אַ שמיידיגע און מיט אַ לאַנג פרעך-שען געזיכט. זי איז נאָך גענוג יונג, אַ לאָק פון איהר קאָפּ איז פערוואָרפען איבער איהר שטערן. אַז זי רעדט, ווינקט זי מיט די אויגען, דענסמאָל גיט אַ ציטער איהר גאַנצער קערפּער, און מען האָט דאָס געפיהל, ווי איהרע ביינער וואָלטען זיך צוזאַמען-געבראָכען. קוקט זיך אום פערוואונדערט).

וואָס, קיינער איז נישט דאָ?

### רייזעל

(דערזעהט מאנקען, אויפגערוימט).

אַנקע, דו ביזט עס? גוט, וואָס דו ביזט אַריינגעקומען. (ווייזט אויף הינדלען) זי האָט מיך שוין באַלד פּאַר אַ גאַנצע רבי׳צין געמאַכט. וואו האָסט דו דיין יאָלד געלאָזט?

### מאַנקע.

ער איז איינגעשלאָפען, האָב איך מיך פון איהם אַרויסגע׳גנב׳עט.

### רייזעל.

אַ רעכטער פריץ עפּעס? ער ועט אפשר שטעלען ביער?

### מאַנקע.

אַ משוגע׳נער ליטוואַק עפּעס דאָרט. דאָס דריטע מאָל קומט ער צו מיר. נאָר ער פרעגט זיך אויס — ווער דער טאַטע? ווער די מאַמע? ווי ער וואָלט זיך געוואָלט משדך זיין... קושט ער, בעהאַלט ער דאָס פּנים אין די ברוסט, מאַכט די אויגען צו, און שמייכעלט, ווי די מאַמע וואָלט איהם געהאַט. (קוקט זיך אום, אין דער שטיל צו הינדלען) רבקה׳לע איז נאָך נישט געווען?

### הינדעל

(מיט אַ חנפ׳דיג געלעכטערל).

געווען ... זי האָט דעם פּאַטער געטראָפען... האָט ער דאָ אַ גוואַלד געמאַכט...

### מאַנקע.

ווען איז כ׳יר... שוין לאַנג?

הינדעל.

לאַנג שוין ... ער איז שוין אודאי אַיינגעשלאָפען. (אין דער שטיל) זי וועט אודאי באַלד אַריינקומען.

רייזעל

(אויפגערוימט צו מאַנקען).

קום, מאַנקע, מיר וועלען זיך אויף דער גאַס שטעלען, עס רעגענט אין דרויסען, טראָפּענס ווי די פּערל... דער ערשטער מאַיאָווער רעגען. ווער געהט אַרויס מיט מיר אונטער דעם רעגען זיך שטעלען?

מאַנק.

(געהט צו צום פענסטערל).

עס רעגענט אין דרויסען. אַך, וואָס פאַר אַ לייכטער רעגען... און ווי ער שמעקט... קומט'ס...

באַשאַ.

ביי אונז אין דערהיים, אַז עס גיעסט אַזאַ רעגען, ווערען די רינשטאָקעס ברייט און פּערפּלייצען די קליינע געסלעך, און מען טהוט זיך אויס באָרפיס און מען טאַנצט אין דעם רעגען אַרום... ווער טהוט זיך די שיך אויס? (טהוט זיך די שיך מיט די זאָקען אויס, צו מאַנקען) טהו דיר די שיך אויס, מאַנקע, מיר וועלען אין רעגען אַרומטאַנצען...

מאַנקע

(טהוט זיך אויס די זאָקען, צולאָזט די האָר).

אַזוי וועט אונז דער רעגען בעגיסען פון קאָפּ ביז די פיס... מען וואַקסט העכער, אַז מען שטעהט אונטער אַ מאַיאָווען רעגען, וואָס, ניין?

### באַשאַ

(לויפט צו).

קומט, מיר וועלען זיך בעגיסען איינע די צווייטע מיט וואַסער... מיט גאַנצע הענד וואַסער בעשפריצען (זי צולאָזט זיך די האָר) אויסצוואַגען זיך ווי די בוימער... קומט.

### הינדעל.

וואַרט, וואַרט, דער „פּעטער" שלאָפט נאָך נישט, ער וועט נאָך הערען.

(אַלע האָרכען זיך איין צום באַלקען.)

### רייזעל.

קומט'ס, איהר הערט, ווי ער שנאָרכט?..

### מאַנקע.

וואַרט, מיר וועלען אין דער שטיל אָנקלאַפּען צו רבקה'לען.

(באַשאַ און רייזעל אָב. מאַנקע נעהמט אַ שטעקען און קלאַפּט זעהר לייכט אין אַ ווינקעל פון באַלקען. פון דרויסען הערט זיך, ווי די מיידלעך שפּריגנען אַרום אין וואַסער, זיי נעהמען הענד פול מיט וואַסער און גיסען דורך די אָפענע טהיר אין שטיבעל אַריין, רופענדיג: קומטס אַרויס! קומטס אַרויס!)

### רבקה'לע

(שטעקט אַריין איהר שוואַרצען קאָפּ האָד דורך דעם קליינעם פענסטער. זי איז אין די נאַכט-קליידער, אין אַ לייכטען שאַל אַרומגעהילט. רופט שטיל:)

מאַנקע, מאַנקע, דו האָסט מיך גערופען?

### מאַנקע

(נעהמט אַ שטוהל, שטעלט צו צים פענסטער, קריכט אַרויף, דערגרייכט רבקה'לעס הענד.)

יאָ, רבקה׳לע, איך האָב דיך גערופען... קום, מיר וועלען זיך הינטער דעם מאַי-רעגען אַרונטערשטעלען, מיר וועלען זיך מיט וואַסער בעגיסען, און וועלען העכער וואַקסען...

רבקה׳לע

(פון איבער דעם פענסטערל).

שווייג, שטילער רעד, איך האָב מיך פון דעם בעט אַרויס-געגנב׳עט... אַז דער טאַטע זאָל נישט הערען... איך האָב מורא, ער זאָל מיך נישט שלאָגען...

מאַנקע.

האָב נישט מורא פאַר׳ן טאַטען, ער וועט זיך נישט אַזוי פלינק אויפכאַפּען... קום, מיר וועלען זיך ליעבער אויפ׳ן רעגען שטעלען. איך וועל דיר די האָר צולאָזען. (צולאָזט מיט איהרע פינגער רבקה׳לעס שווארצע פלעכט. פון איבער דעם פענסטער) אָט אַזוי וועל איך זיי דיר אין רעגען וואַשען.

רבקה׳לע.

איך בין אין בלויזען נאַכט-העמד... אַ גאַנצע נאַכט בין איך אין בעט געלעגען און האָב געוואַרט ביז דער טאַטע וועט איינגעשלאָפען ווערען, אַז איך זאָל מיך צו דיר קענען אַרויסגנב׳ענען, איך האָב דיין קלאַפּען דערהערט און איך האָב מיך פון בעט אַרויסגעשלייערט... אַזוי לייכט זיך אַרויסגע׳גנב׳עט, באָרפיסערהייט, אַז דער טאַטע זאָל נישט דערהערען.

מאַנקע

(נעהמט זי ארום ליידענשאַפטליך).

קום, רבקה׳לע, איך וועל דיינע אויגען אין רעגען-וואסער וואַשען, די נאַכט איז אַזוי ליעב, דער רעגען איז אַזוי וואַרים און אַלץ שמעקט אַזוי אין דער לופט... קום...

## רבקה׳לע.

שווייג... שווייג... איך האָב מורא פאַר׳ן טאַטען... ער האָט מיך געשלאָגען... ער האָט די שטוב צוגעשלאָסען... און האָט דעם שליסעל ביים ספר-תורה בעהאַלטען... איך בין געלעגען אַ גאַנצע נאַכט... איך האָב געהערט, ווי דו האָסט מיך גערופען... אַזוי שטיל האָסט דו מיך גערופען... עס האָט מיך געצויגען צו דיר... און איך האָב דעם שליסעל פון אָרון-קודש אַרויסגעג׳גנב׳עט... מיין האַרץ האָט אַזוי געקלאַפּט... אַזוי געקלאַפּט...

## מאַנקע.

וואַרט, רבקה׳לע... וואַרט... אָט געה איך צו דיר... (שפּרינגט אַראָב פון שטוהל, פערלאָזט דעם קעלער) איך קום צו דיר... איך קום צו דיר. (מאַנקע אָב. רבקה׳לע ווערט פערשוואונדען פון פענסטער.)

## הינדעל

(וועלכע האָט דעם שמועס צווישען מאַנקען און רבקה׳לען זעהר נייגיריג ביי דער פאָרהאַנג פון איהר צימער׳ל אויסגעהאָרכט, דרעהט זיך איצט מיט רעש אַרויף און אַראָב איבער דער שטוב צופלאַמט, נאָכדענקענד, ריידענדיג צו זיך אליין זעהר לאַנגזאַם.)

ווען גאָט מאַכט אַזוי, און איך פּאַק זיי ביידע אויף אַמאָל, רבקה׳לען מיט מאַנקע׳ן, נאָך היינט אויף דער נאַכט... איך ברענג זיי ביידע אַהין צו שלמה׳נען... נאַ, נאַ דיר ברויט מיט פּוטער... דינג אַ דירה, שטעל אַ חופה, ווער אַ מענש מיט לייטען גלייך... (שטעלט זיך אָב אין מיטען שטוב נאָכדענקענדיג, צושפּרייט די הענד צום באַלקען) טאַטע אין הימעל, ביסט דאָך אַ טאַטע פאַר יתומים... מאַמע אין קבר, מיה דיך פאַר מיר... לאָז מיך קומען צו אַ ברעג! צו אַ תכלית!... (פּויזע) וואָס, ווען גאָט גיט, אַ ספר-תורה אין שוהל לאָז איך איהם שרייבען... יעדען שבת דריי פונט ליכט אין בית-המדרש אַריין. (אַ לאַנגע פּויזע. פערזונקען אין דער פאַנטאַזיע פון איהר גליק.) ער איז דאָך אַ גוטער גאָט... אַ גוטער גאָט... טאַטע אין הימעל... מאַמע, מאַמע

(ז ... שווייג נישט... שווייג נישט... מיה דיך... וועלטען לייג איין... געהט אָב צו זיך אין צימערל, הייבט אָן מיט ענערגיע צוזאַמענצונעהמען די זאַכען פון איהר צימערל און פּאַקט זיי זיך אין איהר קאָרב איין.) לאָז מיך נאָר קודם-כל גרייט זיין...

(א לאַנגע פּויזע. קיינער ווייזט זיך נישט אויף דער סצענע. מאַנקע פיהרט צו-געטוליעט צו זיך רבקה'לען... זיי זענען ביידע אין איין נאַס טוך אַרומגע-הילט... די האָר צופלאָשעט, אָבגעצוואָגענע... און פון די נאַסע קליידער ריי-נען טראָפּענס וואַסער אויף דער פּאָדלאָגע... זיי זענען ביירע באָרפיס... הינדעל שטעלט זיך הינטער'ן פאָרהאַנג פון איהר צימערל און האָרכט זיך איין.)

## מאַנקע

(רעדט מיט א בעהאלטענע ליידענשאַפט און ליעבע. שטיל, אָבער זעהר טיעף און קלינגענד.)

עס איז דיר קאַלט, רבקה'לע? טוליע דיך צו צו מיר... גוט טוליע דיך איין אין מיר... וואַרים דיך אין מיר, אַזוי גוט אין מיר... קום, מיר וועלען זיך דאָ ביידע אַנידערזעצען אויף די קאַנאַפּע. (פיהרט זי צו צו א קאַנאַפּע, זעצט זיך מיט איהר) אַזוי, אַזוי... טוליע איין דיין פּנים אין מיין ברוסט... אַזוי... אַזוי... און גלעט מיך מיט דיין לייב... אַזוי קיהל, ווי וואַסער וואָלט גערונען צווישען אונז... (פּויזע) איך האָב דיר די ברוסטען ענטפּלעקט און האָב זיי דיר געוואַשען אין רעגען-וואַסער, וואָס איז אויף מיין האַנד גערונען... אַזוי ווייס און קערנדיג זענען דיינע ברוסטען... און דאָס בלוט אין זיי קיהלט זיך אַזוי אונטער'ן האַנד, ווי ווייסער שניי... ווי געגליווערט וואַסער... און ווי דאָס גראָז אויף די לאָנקעס אַזוי שמעקען זיי... און די האָר האָב איך דיר צולאָזט... אָט אַזוי... (צוקעמט זיי צווישען איהרע פינגער) איך האָב זיי אַזוי צווישען רעגען געהאַלטען און געוואַשען זיי, אָט ווי זיי שמעקען... ווי דער רעגען, (זי באָרגט איין דאָס פּנים אין רבקה'לעס האָר) דער מאַיאָווער רעגען שמעקט פון זיי אַרויס... אַזוי לייכט, אַזוי ווייך... און אַזוי פריש... ווי דאָס גראָז אויף דער לאָנקע... ווי די עפּעל אויף דעם בוים... אָט אַזוי קיהל מיך מיט דיינע האָר, (זי וואשט זיך דאָס פּנים אין איהרע האָר) קיהל מיך אַזוי...

אָבער וואַרט... איך וועל דיך ווי אַ כלה-מיידעל אויפקעמען... אַ שרימף מיט צוויי שוואַרצע לאַנגע צעפּ. (צוקעמט איהר די האָר) ווילסט, רבקה'לע? יאָ, דו ווילסט?

רבקה'לע

(שאָקעלט מיט'ן קאָפּ).

יאָ, יאָ.

מאַנקע.

דו וועסט זיין די כלה... אַ שענע כלה... פרייטאָג צו נאַכטס, דו זיצסט מיט דיין טאַטעשי מיט די מאַמעשי ביים טיש... איך — דער חתן... דיין חתן... קומט צופאָהרען צו דיר צו גאַסט... ווילסט, רבקה'לע? ווילסט, יאָ?

רבקה'לע

(שאָקעלט מיט'ן קאָפּ).

יאָ, איך וויל.

מאַנקע.

וואַרט, וואַרט... טאַטע-מאַמע האָבען זיך שלאָפען געלעגט... חתן-כלה האָבען זיך דאָ געטראָפען ביי טיש, מיר שעמען זיך... ווילסט, ניין?

רבקה'לע

(שאָקעלט מיט'ן קאָפּ).

יאָ, מאַנקע.

מאַנקע.

דערנאָך געהען מיר צו איינער צום צווייטען: דו ביסט דאָך

מיין כלה, איך דיין חתן... מען נעהמט זיך אַרום, (נעהמט זי ארום) זעהר פעסט אַרום, און מיר קושען זיך זעהר שטיל, אָט אַזוי (קושען זיך) קושען מיר זיך... מיר ווערען אַזוי רויט, מיר שעמען זיך אַזוי... עס איז גוט, רבקה'לע, גוט?

רבקה'לע.

יאָ, מאַנקע... יאָ...

מאַנקע

(דערנידערט איהר קול, שעפּטשעט איהר ווי אין אויער).

און מיר לעגען זיך דערנאָך שלאָפען אין איין בעט, קיינער זעהט נישט, קיינער ווייסט נישט, נאָר איך מיט דיר, אָט אַזוי. (דריקט זי פעסט צו זיך) ווילסט שלאָפען מיט מיר דורך די נאַכט, אַזוי, אין איין בעט, ווילסט?

רבקה'לע

(קלערט זיך אַרום אין איהר).

איך וויל... איך וויל...

מאַנקע

(ציהט זי צו זיך).

קום... קום...

רבקה'לע

(אין דער שטיל).

איך האָב מורא פאַר'ן טאַטען... ער וועט זיך אויפוועקען...

מאַנקע.

וואַרט, רבקה'לע, וואַרט... (קלערט אַ ווײַלע) ווילסט מיט מיר

אַוועק פון דאַנען? מיר וועלן זיין אינאיינעם, גאַנצע טעג, גאַנצע נעכט... דער טאַטע וועט נישט זיין, די מאַמע וועט נישט זיין... קיינער וועט נישט שרייען... שלאָגען... מיר וועלן זיין אַליין... גאַנצע טעג... עס וועט אַזוי פרעהליך זיין, ווילסט, רבקה'לע, ווילסט?

### רבקה'לע

(פערמאַכט די זויגען).

דער טאַטע וועט נישט וויסען?

### מאַנקע.

ניין, מיר וועלען אַנטלויפען שוין יעצט ביי נאַכט מיט הינדלען אין איהר שטוב אַריין... זי האָט אַ שטוב ביי שלמה'ן, זי האָט מיר געזאָגט, וועסט זעהען, ווי גוט עס וועט זיין... עס וועלען קומען יונגע מענשען, אָפיצירען... מיר וועלען זיין אַ גאַנצען טאָג אַליין... מיר וועלען זיך ווי די אָפיצירען אָנטהון און אויף פערד אַרומרייטען. קום, רבקה'לע, ווילסט? יאָ, דו ווילסט?...

### רבקה'לע

(מיט הארץ-קלאפונג).

דער טאַטע וועט נישט הערען?

### מאַנקע.

ניין, ניין. ער וועט נישט הערען, ער שלאָפט אַזוי געשמאַק. אָט, דו הערסט, ווי ער שנאָרכט... (לויפט אין הינדעלס צימער, כאפט זי אָן ביי דער האנד) האָסט אַ שטוב? קום פלינק, פיהר אונז אַוועק!...

### הינדעל

(כאפט זיך אויף).

יאָ, יאָ, פלינק צו שלמה׳ן (זי האפט אקלייד, ווארפט עס אויף רבקה׳לען) ער וועט אונז שוין פיהרען.

## מאַנקע

(טוט אָן פלינק רבקה׳לען).

דו וועסט זעהען, ווי גוט עס וועט זיין... ווי פרעהליך עס וועט זיין. (טהוען זיך אָן, האפען אויף זיך, וואס זיי קריעגען אונטער דער האנד, א טוך, א קאפטאַן, שטייגען זעהר לאַנגזאַם אויף. אין טהיר טרעפען זיי זיך מיט רייזלען און באשען, וועלכע קומען אָבגעֶצוואָגען אין שטוב אריין. די לעצטע קוקען אויף זיי פערוואונדערט.)

## רייזעל. באַשאַ.

וואָהין דאָס?

## הינדעל.

מאַכ̃ט׳ס קיין גערודער, קיין גערויש, נאָך ביער, נאָך ליעמאַנאַד...
(הינדעל, מאַנקע, רבקה׳לע אָב. רייזעל און באשא קוקען זיך ביידע אָן פערוואונדערט.)

## רייזעל.

די מעשה געפעלט מיר נישט.

## באַשאַ.

מיר אויך נישט.

## רייזעל.

דאָ מוז עפעס זיין — אָ-וואַ! ...

## באַשאַ

(קוקט איהר אָן דערשראָקען).

וואָס דאָס ?

## רייזעל.

און וואָס געהט עס אונז אָן ? לעשען מיר אויס דעם לאָמפּ און לעגען מיר זיך שלאָפען. מיר ווייסען פון גאָר נישט. (דרעהט אראָב דעם לאָמפּ).

אויף דער סצענע ווערט האַלב טונקעל. די מיידלעך געהן אָב יעדע אין איהר צימערל).

## רייזעל

(אָבגעהענדיג).

אוי, האָט זי וואָהר געזאָגט, די קאָרטען-לייגערין, אוי האָט זי וואָהר געזאָגט...

(אָב. אייניגע סעקונדען איז אויף דער סצענע קיינער נישט דאָ. טונקעל).

## באַשאַ

לויפט אַרויס ווילד פון איהר צימערל, האַלב אויסגעטהון מיט אַ שלוכצענדיג געשריי).

## רייזעל

(רוקט אויף די פאָרהאַנג פון איהר צימערל).

וואָס איז דיר באַשאַ ?

## באַשאַ.

איך האָב מיך מורא צו לייגען. מיר דאַכט זיך, אַז מיין געשטאָרבענע מאַמע מיט די שטעכערס און די דערנער דרעהט זיך אין מיין שטיבעל אַרום.

## רייזעל.

דאָס ספר-תורה איז פּסול געוואָרען, האָט אונז שוין קיינער נישט אָבצוהיטען.

### באַשאַ.

איך האָב מורא, אַז עס וועט היינט זיין נישט קיין גוטע נאַכט,
מיין האַרץ ציטערט אין מיר...

(פון איבער׳ן באַלקאָן דערהערט זיך פלוצלונג אַגערודער, אַ שאַרען מיט בענ-קלעך, מיט טישען, די מיידלעך האָרכען זיך, גלאָצענדיג און ערשראָקען, איין באַלד דערהערט זיך ווי עפּעס שווערעס פאַלט אַראָב פון די טרעפּ).

### דער „פּעטער״

(שרייענדיג).

**רבקה׳לע, רבקה׳לע, וואו ביסט דו?**

### רייזעל

(צו באַשען).

**לייגען מיר זיך אַנידער שלאָפען... מיר ווייסען פון גאָרנישט...**

(לייגען זיך ביידע אַנידער און מאַכען זיך הויך שלאָפען...)

### דער „פּעטער״

(לויפט אריין מיט אַ ליכט אין דער האַנד, צושויבערט די האָר, אויפ׳ן העמד אַ קאַפּאָטע ארויפגעוואָרפען. שרייט ווילד).

**רבקה׳לע, רבקה׳לע איז דאָ?** (קיינער ענטפערט נישט. גיט אַ רוק די פאָרהאַנגען פון די צימערלעך) **רבקה׳לע! וואו איז זי?** (וועקט אויף די שלאָפענדע רייזעל און באַשע) **וואו איז רבקה׳לע! רבקה׳לע וואו איז?**

### רייזעל. באַשאַ

(מאַכען זיך די אויגען אויסרייבען מיט די אַרבעל פון די קאָפּטענס).

**וואָס... מיר ווייסען נישט.**

### דער „פּעטער״

**איהר ווייסט נישט... איהר ווייסט נישט?...** (לויפט פלינק ארויס.

מען הערט, ווי ער שטייגט אויף די טרעפּ מיט איין שפּרונג. נאָכהער אַ שטילע פּויזע. מען הערט, ווי עפּעס וואַלט זיך אַראָבגעוואָרפן פון די טרעפּ. די טהיר גיט זיך אַ פּראַל אויף מיט רעש, עס פאַלט אריין דער „פעטער", האלטענדיג שרה'ן ביי די האָר. ביידע זענען אין נאַכט־קליידער).

### דער „פּעטער"

(רייסט שרה'ס קאָפּ פאַר די האָר צו דער ערד אַראָב. ווייזט מיט'ן פינגער אויפ'ן „הייזעל").

**דיין טאָכטער וואו איז? דיין טאָכטער?**

### באַשאַ, רייזעל

(שטעהען ביידע צוגעדריקט צו דער וואַנד און ציטערן).

(פאָרהאַנג פאַלט פלינק).

---

# דריטער אַקט.

## סצענע.

צימער ווי אין ערשטען אַקט. שענק און קאָמאָד זענען אויפגערוקט, און שטיקער-וועש, מלבושים וואַלגערן זיך איבער די פּאָדלאָגע אַרום. די טהיר אין רבקה'לעס צימער איז אָפען און פון דרינען דרינגט אַ שטראַהל פון אַ ברענענדיג ליכט אַריין. שרה, מיט צופלאָשעטע האָר, אַרויף-געוואָרפען אויף זיך די קליידער אָהן אָרדנונג, דרעהט זיך איבער די שטוב, אויפקלויבענדיג די צעוואָרפענע זאַכען, פּאַקט זיי אין איין פּאַק איין, ווי צום אַוועק געהן, אָבער זי לייגט דאָך די מעהרסטע זאַכען צוריק אויף זייער אָרט. גרויער פריה-מאָרגען. פון די צוגעמאַכטע פענסטער-לאָדען דרינגט אַריין דער גרויער מאָרגען.

---

### שרה

(אויפקלויבענדיג די זאַכען) .

יעקל, וואָס טהוט זיך מיט דיר, יעקל? (געהט צו צו דער אָפענער טהיר פון רבקה׳לעס צימער, קוקט אַריין) וואָס זיצסט דו? (דרעהט זיך אָב, אויפהויבענדיג די זאַכען) אַ אונגליק, אויסגעגאַנגען, דאָס גאַנצע הויז וויל ער איבערפיהרען... (געהט נאָך אַמאָל צו צו דער טהיר) יעקל, וואָס שווייגסט דו? וואָס טהוט זיך מיט דיר? (דרעהט זיך אוים, מיט טרעהרען) זיצט אַ מענש ביי אַ ספר-תורה און קלעהרט און קלעהרט, וואָס איז דאָ צו קלעהרען? עס איז געשעהן אַ אונגליק, געה אין צירקעל, נעהם דעם פריסטאַוו... זוך אויף דעם יונג מיט גוטען אָדער מיט בייזען... כל זמן עס איז נאָך דאָ צייט... (ווענדט זיך צו דער טהיר) וואָס שווייגסט דו? וואָס שווייגסט דו? (זי זעצט זיך אַנידער אויף אַ פּאַק ביי דער טהיר, פער-שטעלט זיך דאָס פּנים מיט די הענד און הויבט אָן צו וויינען) ווי משוגע זיצט ער איינער אַליין, קוקט אויפ׳ן ספר-תורה און מורמעלט עפּעס מיט די ליפּען... אַני ער הערט נישט, אַני ער זעהט נישט, וואָס טהוט זיך דאָס מיט איהם? (שטעלט זיך אויף פון פּאַק, צום „פּעטער" אין דער טהיר) מיר איז דאָרט נישט קיין חלוק... דו ווילסט איך זאָל אַוועק-געהן— געה איך. דער טייוועל וועט מיך נישט נעהמען... איך וועל מיר שוין דאָרט מיין ברויט געפינען. (נעהמט זיך איינצופּאַקען איהרע זאַכען שווייגענדיג. פּויזע) .

### דער „פּעטער"

(קומט אַריין פון דער צווייטער שטוב אָהן הוט, אָהן קאַפּאָטע, די האָר צופלאָשעט. ער קוקט ווילד מיט די אויגען, רעדט מיט אַ שטילען הייזעריגען טאָן זעהר לאַנגזאַם).

איך וועל געהן... דו וועסט געהן... רבקה׳לע וועט געהן... אַלץ וועט געהן... (ווייזט מיט׳ן פינגער אויפ׳ן קעלער) אַלץ אין „הייזעל" אַריין... גאָט וויל נישט..

שרה.

יעקל, וואָס טהוט זיך דאָס מיט דיר! משוגע ביזט דו געוואָרען... (געהט צו צו איהם) בעדענק, וואָס דו טהוסט. עס איז געשעהן אַ אונגליק—ביי וועלכען מענש געשעהט נישט קיין אונגליק? קום, מיר וועלען אויפזוכען שלמה׳נען. גיעב איהם 200—300 רובל—זאָל ער אונז דאָס קינד צוריק-געבען... דער יונג וועט עס טהון... וואָס זיצט דו? וואָס טהוט זיך דאָס מיט דיר?

דער „פעטער"

(מיט דעם זעלבען טאָן. דרעהט זיך איבער דער שטוב).

מיר איז שוין איינגאַל... די נשמה דעם טייוועל איבערגעגעבען... עס וועט שוין גאָר נישט העלפען... גאָט וויל נישט...

(ער שטעלט זיך אַנידער ביים פענסטער און קוקט דורך דעם לאָדען-לאָך)...

שרה.

גאָט וויל נישט... אַיינגערעדט זיך, דו ווילסט נישט... דו האָסט דען ליעב דאָס קינד? יעקל, יעקל, (שלעפט איהם) וואָס איז דאָס מיט דיר געוואָרען, בעדענק כל-זמן עס איז נאָך דאָ צייט... ער קען זי זאָך דערווייל ערגעץ וואו אַוועקפיהרען... קום אַריבער צום יונג... די מויד האָט זי דאָך אודאי צו איהם אַריבערגעפיהרט. וואָס שטעהסט דו? (אָבגעהאַקט) איך האָב געשיקט נאָך ר׳ אלי׳ן. מיר וועלען הערען, וואָס ער וועט זאָגען! — (פויזע. דער „פעטער" קוקט אלץ אין איינעם דורכ׳ן פענסטער) וואָס קוקסט דו? (פויזע) פאַר וואָס ענטפערסט דו מיר נישט? מאַמע קרוין, מען קען דאָך משוגע ווערען.

(דרעהט זיך אָב פון איהם און ווייגט הויך).

דער „פעטער"

(ווי פריהער. דרעהט זיך איבער די שטוב).

אויס הויז... אויס ווייב... אויס טאָכטער... אין „הייזעל" אַריין... צוריק אין „הייזעל" אַריין... מיר דאַרפען נישט קיין טאָכטער... מיר

דאַרפֿען נישט... נקבות, ווי די מאַמע געוואָרען... גאָט וויל נישט...
צוריק אין „הייזעל", אין הייזעל אַריין...

### שרה.

ווילסט אין „הייזעל"? — מיין כפרה, האָב איך טאַקע אַ געשעפֿט!
(כאַפּט זיך ווייטער צום איינפּאַקען) דאָס הויז וויל ער איבערפֿיהרען... וואָס
טהוט זיך מיט איהם? (קלערט אַ ווײַלע) אַז דו ליגסט איבערזאַמען וועל
איך מיך נעהמען צו טהון (נעהמט אַראָב פֿון די אויערען די בריליאַנטענע אויער-
רינגען) איך וועל אַריבערגעהן צו שלמה'נען, איך גיעב איהם אַוועק די
ברילייאַנטענע אויערינגען (זי וואַרפֿט אין פּאַק, שלעפּט אַרויס אַ גאָלדענע קייט)
מיט דער גאָלדענער קייט און וויל ער נישט, לייג איך איהם צו נאָך
אַ הונדערטער, (זי זוכט דעם טייסטער מיט געלד אין „פּעטער'ס" קעשענעס,
דער „פּעטער" לאָזט זיך בעווזכען) עס געהט נישט אויס אַ פֿיערטעל שעה
(זי כאַפּט אַ טוך אויף זיך) און רבקה'לע איז דאָ. (אַרויסגעהענדיג) פֿאַר
מיר וועט ער שוין דאָס טהון. (האַקט די טהיר נאָך זיך).

### דער „פּעטער"

(דרעהט זיך איינער אַליין איבער דער שטוב. דעם קאָפּ צו דער ערד).
מ'ר איז שוין סיי-ווי-סיי אַלץ איינס... דער טייוועל גענומען...
אויס טאָכטער... אויס ספר-תורה... אין „הייזעל" אַריין... אין
הייזעל"... גאָט וויל נישט...

(לאַנגע ווײַלע. רייזעל ווייזט זיך אין דער טהיר, שטעקט אַריין דעם קאָפּ...
שלייכט זיך אַריין אין דער שטוב, שטעלט זיך ביי דער טהיר. דער „פּעטער"
בעמערקט זי, קוקט אויף איהר.)

### רייזעל

(שטאַמלענדיג).
איך בין געווען נאָך ר' אלי'ן... די בעל-הבית'טע האָט געהיי-
סען... ער וועט באַלד קומען...

דער „פעטער"

(קוקט זי אָן נאָך אַ ווײַלע).

סײַ-ווי-סײַ דער טײַוועל געּנומען... גאָט וויל נישט...

רייזעל

אַזאַ אָרנטליך קינד געווען... אַזאַ שאָד נעבאַך...

דער „פעטער"

(קוקט זי אָן ווי פערוואונדערט).

רייזעל

(ווי פערענטפערנדיג זיך).

די בעל-הבית'טע האָט מיך געהייסען דאָ וואַרטען, ביז זי וועט צוריקקומען.

דער „פעטער".

האָב נישט קיין מורא, איך בין נאָך נישט משוגע געוואָרען... נאָך נישט... גאָט האָט מיך געשטראָפט...

רייזעל.

ווער האָט זיך געזאָלט ריכטען אויף דעם... אַזאַ אָרנטליך קינד געווען... אַזאַ שאָד נעבאַך... איך זאָל אַזוי לעבען...

ר' אלי

(מיט אַ לאַמטערן אין האַנד קומט אַרײַן).

וואָס איז דאָס אַזעלכעס געשעהן! אַזש מיך געדאַרפט פאַרטאָג רופען, (קומט מעהר אין דער שטוב אַרײַן, קוקט אין לאָדען-לאָך) מען מעג שוין באַלד דאַווענען...

דער „פעטער"

(נישט קוקענדיג אויף ר' אלי'ן).

דאָס ספר-תורה איז פסול געוואָרען, ר' אלי, אויפס טויט אָב-גע'פסל'ט.

ר' אלי

(דערשראָקען).

וואָס רעדסט דו, יוד? חלילה, דאָס ספר-תורה, וואָס איז גע-שעהן? אויף דער ערד אַראָבגעלאָזט? די גאַנצע שטאָדט דאַרף פאַסטען...

דער „פעטער".

נאָך ערגער, ר' אלי.

ר' אלי

(אויפגערעגט).

וואָס זאָגסטו, די גאַנצע שטאָדט קען זיך, חלילה, פערזינדיגען... וואָס איז געשעהן? זאָג, יוד, רבונו של עולם!

דער „פעטער".

אין „הייזעל" אַראָב... (ווייזט אויף די פאָדלאָגע, דערנאָך אויף רייזלען) אונטען מיט זיי... אין הייזעל אַריין... אויס ספר-תורה...

ר' אלי.

יוד, וואָס רעדסטו? וואָס טהוט זיך דאָס? זאָג!

רייזעל

(ביי דער טהיר, בערוהיגט ר' אלי'ן).

ניין, רבי, נישט דאָס ספר-תורה, די טאָכטער... רבקה'לע...

די ספר-תורה איז כשר. (ווייזט מיט'ן פינגער אין רבקה'לעס שטוב) דערינען...

ר' אלי

(אָטעמט אָפּ).

געלויבט השם יתברך! אָבער דאָס ספר-תורה איז כשר?

רייזעל.

יאָ, רבי.

ר' אלי

(רוהיגער, שפּייט אויס).

געלויבט השם יתברך, אָפּגעקומען מיט די שרעק... (צום „פּעטער") וואָס האָסטו גערעדט נאַרישקייטען? (צו רייזלען, נישט קוקענדיג אויף איהר) אַוועק... איז זי נאָך נישט דאָ? (צום „פּעטער") איז מען זי שוין געגאַנגען זוכען?

דער „פּעטער".

ביי מיר איז מיין טאָכטער הייליגער, ווי אַ ספר-תורה.

ר' אלי.

רעד נישט קיין נאַרישקייטען... נאָר שוייג, נאָר מאַך קיין גערודער נישט... איז מען זי שוין געגאַנגען זוכען? ברענגען? ווייס איך וואָס? וואָס שטעהסטו דאָ?

רייזעל.

די בעל-הבית'טע איז שוין געגאַנגען נאָך זיהר

ר אלי.

ווייסט מען, וואו זי איז געגאַנגען?

רייזעל.

יאָ, די בעל-הבית'טע וועט זי באַלד אַהיים ברענגען.

ר' אלי.

איז דאָך ווייטער גוט, וואָס-זשע שרייט עטץ, ליאַרמט... די גאַנצע וועלט זאָל זיך באַלד דערפון דערוויסען. אַזעלכע זאַכען בע-האַלט מען אין דער שטיל... עס איז נישט שען... אַ מחותן קען נאָך געוואָהר ווערען דערפון — קאָסט עס באַלד אַ פּאָר הונדערט רובעל טייערער...

דער „פּעטער".

מיר איז שוין סיי-ווי-סיי אַלץ איינס... אַלע קענען עס וויסען... אויס טאָכטער... אויס ספר-תורה... אין „הייזעל" אַריין... אַלץ אין „הייזעל" אַריין...

ר' אלי

ע, ביסט דאָך גאָר חסר-דעה... עס געשעהט אַ אונגליק... עס טרעפט זיך ביי מענשען אַ אונגליק. גאָט זאָל שומר ומציל זיין... וואָס? ווען? גאָט העלפט... עס געהט דורך בשלום. דער עיקר, קיי-נער ווייסט נישט... מען הערט נישט, מען זעהט נישט. מען ווישט זיך אָב דאָס מויל און מען מאַכט זיך פון גאָרנישט וויסען... (צו רייז-לען) מען דאַרף זיך היטען מיט אַ וואָרט... עס זאָל, חלילה, ווייטער נישט קומען... געהערט?! (ווענדט זיך צום „פּעטער", דער לעצטער קוקט ערגיץ וואו ווייט אין דער וועלט אריין.) איך האָב מיך געזעהן (קוקט זיך אום, אויב רייזעל איז נאָך דאָ. בעמערקענדיג זי, הערט ער אויף. נאָך אַ פּויזע הויבט ער ווייטער אָן צו רעדען שטילער, קוקענדיג אויף רייזלען, אַז זי זאָל אַרויסגעהן לאַנגזאַם:)

איך האָב מיך געזעהן מיט... מיט... (קוקט אויף רייזלען, רייזעל פערשטעהט און פערלאָזט די שטוב.) איך האָב מיך געזעהען מיט'ן חתנ'ס פאָטער אין בית-מדרש צווישען מנחה-מעריב, איך האָב גערעדט מיט איהם, דער יוד בעשטעהט שוין באַלד, איך האָב איהם אפילו פערשטעהן געגעבען, אַזוי כדרך אגב, אַז די כלה איז נישט פון גרויסען יחוס. מילא, פאַר נאָך אַ הונדערטער... היינטיגע צייטען קוקט מען נישט אויף דעם... איך וועל אודאי שבת, אם ירצה השם, מיט דעם יוד דאָ אַרויפקומען... מען וועט געהן צום דין פערהערען דעם חתן... נאָר דער עיקר קיינער זאָל נישט וויסען, זאָל נישט געוואָהר ווערען פון דער מעשה, חלילה... עס קען שאַדען... אַ יוד פון יחוס און דער חתן איז אַ טייערער קאָפּ... נו, נו, שטיל דיך איין, נעהם דיר גאָט צו הילף און אַלץ וועט דורכגעהן בדרך-שלום... מיט גאָטס-הילף, איך געה אַהיים מיך מכין זיין צום דאַווענען און, אַז דאָס מיידעל וועט זיין, זאָלסט דו מיר באַלד צו וויסען געבען... דו הערסט? (ביים ארויסגעהן) נאָר באַלד למען השם... (וויל אָבגעהן).

### דער „פעטער"

(הויבט זיך אויף, כאַפּט ר' אלי'ן ביי דער האַנד).

הערט, איהר רב, איהר נעהמט אייך מיט אַייער ספר-תורה. איך דאַרף עס שוין נישט מעהר...

### ר' אלי

(פערוואונדערט).

וואָס רעדסט דו? וואָס ווילסט דו? ביזט משוגע געוואָרען, צו חסר-דעה?

### דער „פעטער".

די טאָכטער איז אין „הייזעל" געגאַנגען... דאָס ספר-תורה איז פסול געוואָרען... גאָט האָט מיך געשטראָפט...

ר׳ אלי

(פרובט איהם איבערהאַקען).

וואָס רעדסט דו?

דער „פעטער״.

איך בין אַ זינדיגער מענש, איך ווייס עס גאַנץ גוט אַזוי... די פוס האָט ער מיר געדאַרפט אונטערברעכן, דעם קאָפּ אין דער ערד... אַ יונגען טויט... פון מיין קינד, וואָס האָט ער געוואָלט? פון מיין אָרים קינד?

ר׳ אלי.

הער דו, מען טאָר נישט אַזוי רעדען געגען גאָט.

דער „פעטער״

(אויפגערעגט).

אַלץ מעג מען רעדען... דעם אמת... איך בין טאַקע יעקל טשאַפּטשאָוויטש — אַ „פעטער״ פון אַ „הייזעל״, נאָר דעם אמת מעג מען אפילו גאָט זאָגען... איך האָב שוין גאָר נישט קיין מורא... איך בין געגאַנגען צו אייך אין בית-המדרש אַריין... איך האָב אייך אַלץ פערצעהלט... האָט איהר מיך געהייסען אַ ספר-תורה שרייבען. דעריינען, ביי איהר אין שטיבעל, האָב איך עס אַריינגעשטעלט... גאַנצע נעכט בין איך דערביי געשטאַנען, און איך האָב דערצו אַזוי געזאָגט: דו ביסט טאַקע אַ גאָט... דו ווייסט פון אַלץ, וואָס איך טו... דו וועסט מיך שטראָפען... שטראָף מיך... מיין ווייב שטראָף, מיר האָבען געזינדיגט, אָבער מיין אונשולדיג קינד שוין... אויף מיין אָרים קינד האָב רחמנות...

ר׳ אלי.

עס איז דאָך איהר קיין שום שלעכטס נישט געשעהן...

זי וועט צוריק-קומען... וועט נאָך זיין אַ גאַנץ יודיש ווייבעל...

דער „פּעטער".

סיי-ווי-סיי... דער טייוועל געגומען... עס וועט זי שוין צי־הען... האָט זי נאָר געמאַכט דעם אָנהויב... וועט זי שוין נישט רו־הען... נישט היינט איז עס מאָרגען... די נשמה דעם טייוועל איבער־געגעבען... איך ווייס עס... אוי, איך ווייס עס...

ר' אלי.

דו רעד נישט קיין נאַרישקייטען... דו שטיל דיך איין... דו בעט גאָט איבער אין האַרץ... לעג אַוועק דיין פּרנסה... דיין טאָכטער וועט נאָך מיט גאָט'ס הילף חתונה האָבען, ווי אַלע יודישע טעכטער און וועסט נאָך פון איהר נחת האָבען...

דער „פּעטער".

פערפאַלען, רבי, אוי פערפאַלען... וואָלט אויף איהר אַ יונגער טויט געקומען, רבי, וואָלט איך גאָר נישט געזאָגט... געשטאָרבען, ווייס איך, אַז איך האָב אַ כשר קינד בעגראָבען... געה איך צו איהר אויף קבר-אָבות, און זאָג מיר אַזוי: אָט דאָ ליגט דיין קינד... ביסט דו אַליין אַ זינדיגער מענש, דאָ ליגט דיינס אַ כשר קינד, אַ אָרנטליך קינד... אָבער אַזוי וואָס בין איך ווערט אויף דער וועלט? דו אַליין ביזט זינדיג... לאָזט איבער אַ זינדיגען דור... נאָך דיר... און אַזוי ציהט זיך די זינד פון דור צו דור...

ר' אלי.

דו זאָג נישט אַזוי, אַ יוד טאָר נישט אַזוי רעדען, דו נעהם דיר גאָט צו הילף און דו זאָג אַזוי: וואָס עס איז געווען איז פערפאַלען...

דער „פּעטער"

(האקט איהם איבער).

איהר, רבי, רעדט מיר נישט איין... איך ווייס, אַז עס איז

שוין פערפאַלען... די זינד ליעגט אויף מיר און אויף מיין הויז, ווי אַ שנור אויפ׳ן האַלז... גאָט האָט נישט געוואָלט... נאָר איך פרעג אייך, רבי, פאַר וואָס האָט גאָט נישט געוואָלט? וואָס וואָלט עס איהם געאַרט, אַז דו, יעקל טשאַפּטשאָוויטש, וועסט דיך אַרויסראַטעווען פון דעם זומפּ, און וועלכען דו זינקסט? (געהט אַריין אין רבקה׳לעס צימער, ברענגט אַריין דאָס ספר-תורה, הויבט עס אויף און רעדט) דו, ספר-תורה! איך ווייס — דו ביסט אַ גרויסער גאָט! דו ביסט דאָך אונזער גאָט... איך, יעקל טשאַפּטשאָוויטש, האָב געזינדיגט... (קלאַפּט זיך מיט די פויסטען אין האַרצען) מיינע זינד... מיינע זינד... דו מאַך אַ נס, דו שיק אַראָב אויף מיר אַ פייער און פערברען מיך, אָט אַזוי ווי איך שטעה׳ דו עפען אויף די ערד און לאָז מיך איינגעזונקען ווערען... נאָר מיין קינד היט מיר אָב... שיק זי מיר אָב אַזוי ריין, אַזוי אונשולדיג, ווי זי איז געוועזען... איך ווייס... ביי דיר איז אַלץ מעגליך... דו טו אַ נס... דו ביזט דאָך אַ גרויסער גאָט... אַז נישט... ביזטו קיין גאָט נישט... זאָג איך דיר, איך, יעקל טשאַפּטשאָוויטש, אַז דו ביזט קיין גאָט נישט... אַז דו ביזט נקמה׳דיג, ווי אַ מענש ביזט דו...

### ר׳ אלי

(גיט זיך אַ כאַפּ אויף און גיט אַ ריס אַרויס דאָס ספר-תורה פון „פּעטערס״ האַנד).

דו ווייסט, צו וועמען דו רעדסט?! (קוקט איהם אָן, געהט דערנאָך אַריין אין רבקה׳לעס צימער מיט׳ן ספר.) דאָס ספר-תורה בעט איבער!

### דער „פּעטער״.

דעם אמת מעג מען אפילו גאָט אין פּנים אַריין זאָגען. (געהט נאָך ר׳ אלי׳ן אין צימער.) איז ער אַ גאָט, זאָל ער דאָ אויפ׳ן אָרט זיין נס בעווייזען...

### שרה

(לויפט אַריין מיט אומפּעט, זי איז צזרודערט, לויפט צו צום שפּיגעל און פערקעמט זיך די האָר מיט דער האַנד, רופענדיג).

קום, אַריין, שלמה, וואָס שטעהסט דו הינטער דער טהיר?

### שלמה

(אין דער טהיר).

וואו איז יעקל? זאָל ער וויסען (קומט אריין) פאַר אַ נאַש בראַט וועל איך אַלץ מאַכען, כאָטש ער האָט מיך בעליידיגט.

### שרה

(לויפט צו דערוויל צו רבקה'לעס טהיר, פערשליסט זיך נאָכ'ן פעטער און ר' אלי'ן).

לאָז איהם דאָרט צו רוה, (מיט א שמייכעל) ער איז דאָך אַ גאַנצער פרומאַק אין דער לעצטע צייט געוואָרען... חבר'ט זיך מיט פרומע יודען (לויפט צו, פערשליסט די טהיר נאָך שלמה'נען) כלות זיך אויפגעקליבען, אַזאַ אָנשיקעניש דאָס איז, עס איז זיך דאָך פון איהר נישט אָבצוזאָגען, לויפט זי נאָך ווי דו וואָלסט שוין איהרער געווען... אודאי אויך אַ הער-קומען נאָך דיר צו לויפען... (שמייכעלט) אוי, שלמה, אוי שלמה סחורה זיך איינגעשאַפט... (זי געהט צו צום פענסטער. פראלט אויף די לאָדען, א שטראַהל צימער-ליכט בעלויכט דאָס שטיבעל). וואָס האָבען זיי זיך צוגע-מאַכט? ווי צו דער קנות...

### שלמה.

האָב ניש קיין מורא זאָג איך דיר, אַז איך האָב דיר איינמאָל צוגעזאָגט יאָ — איז יאָ. פאַר וועמען איך וועל נישט טהון — פאַר דיר וועל איך עס טהון, כאָטש דו האָסט מיך אין די לעצטע צייט שלעכט בעהאַנ ע ט... נאָר עס מאַכט נישט אויס... מעג זי שוין מיט'ן קאָפּ פערלייגען, עס וועט שוין גאָר נישט העלפען...

### שרה

(גיט א געהע צו איהם, כאַפּט איהם אָן פאַר דער האַנד, קוקט איהם אין די אויגען).

אַזאַ יונג ווי דו ביזט — דאַרפסט דו אַזאַ מויד צו נעהמען? ווער איז זי? אַרום-געוואַלגערט זיך פון „הייזעל" צו „הייזעל", אַזאַ יונג ווי דו ביזט... קענסט יעצט כאַפּען א שענעם גראָשען, דאַרפסט דו זי? אַ יונג מיט אַ פּאָר הונדערט רובעל, קענסט דו נישט נעהמען אַ

גאָט פון נקמה 6

לייטיש מיידעל? פאַר וואָס נישט? פרעג איך וואָס, דו ביזט נישט אַזאַ יונגער מענש, ווי אַ אַנדערער? (קלאַפּט איהם אויף די פּלייצעס) דו רעד מיט מיר, שלמה, דו ווייסט: איך בין צו דיר קיינמאָל נישט געווען שלעכט.. כאָטש איך בין אין די לעצטע צייט אַזוי געווען צו דיר... דאָך בין איך שטענדיג שרה געווען. זאָג, אפשר נישט? (קוקט איהם אין די אויגען אריין).

## שלמה

(מאַכט זיך גלייך די וואָנסען).

ע, ק׳טשאָרטו... דער טייוועל ווייס, געלאָזט זיך דעם קאָפּ פּערדרעהען פון דער מויד... אויף דערווייל... אַ פּאָר גראָשען צו כאַפּען... אַ נישט מיינסט דו טאַקע האָב איך געקלעהרט מיט איהר אויף אַ רעכטען אמת... די מאַמע וואָלט מיר די אָדערן פון לייב פערשאָלטען... כ׳האָב אַ אָרנ׳ליכע מאַמע... און מיין שוועסטער?

## שרה.

קיין אַנדער געשעפט שוין נישט, נאָר זיך דעם קאָפּ צו פּער־דרעהען מיט אַזאַ „נישט" און אַ „הייזעל" זיך צו פּערלייגען? וואָס מען האָט היינט, משטיינס געזאָגט, פון די גאַנצע „הייזלעך"? עס לוינט טאַקע האָבען צו טהון מיט אַזעלכע אויסוואורפס... (געהט צו צו איהם, שטעקט איהם די אויערינגען איין) דו נעהם אָט דאָס צו, און נאַ דיר נאָך אַ הונדערטער צו און זאָג מיר, וואו רבקה׳לע איז?

## שלמה.

וואָס איז וואָהר — דאָס איז וואָהר... דו ביזט אַמאָל געוועזן אַ גוטע יודענע (ווינקט צו איהר) אין די לעצטע צייט ביזט דו קאַליע גע־וואָרען, נאָר עס קומט נישט צו דעם... זאָלסט וויסען, אַז שלמה איז אַ נאַש-בראַט... (נעהמט צו די אויערינגען און בעהאַלט זיי אין קעשענע).

## שרה.

דו זאָג מיר, שלמה וואו זי איז איצט... פאַר מיר מעגסט דו

אַלץ זאָגען, כאָטש איך בין איהר מאַמע... דו ווייסט: איך שרעק מיך נישט איבער מיט אַזעלכע זאַכען... זאָג, האָסט דו ערגעץ זי אַוועק־געפיהרט... צו אַ...

## שלמה.

זי איז זעהר נאָהענט פון דאַנען... אַז איך זאָג דיר, אַז איך ברענג זי דיר — ברענג איך זי... הערסט, אַזאַ יאָהר שוין אויף מיר, וואָס פאַר אַ נקבה דאָס קען זיין... איהר בליק... איהר שיק... גע־ממזר׳ט זאָג איך דיר, אויף איין אויג...

## שרה.

הע, שרה קען נאָך... זאָג מיר, שלמה, וואו האָסט דו זי? פאַר מיר קענסט דו אַלץ זאָגען... (נעהמט איהם אַרום מיט איין האנד, קלאַפּענדיג איהם מיט דער צווייטער אויף דער פּלייצע און קוקט איהם שעלמיש איי די אויגען.) יאָ... זאָג, גוטער־ברודער!

## שלמה.

נישט ווייט פון דאַנען... נישט ווייט...

(עס הערט זיך אַ קלאַפּען מיט פויסטען אין דער טהיר פון דרויסען).

## הינדעל

(הינטער דער סצענע).

דו ווייסט נישט פון איהר... דו ווייסט נישט פון איהר...

## שרה.

לאָז זי דעם קאָפּ אָן וואַנד קלאַפּען... אין די לאַפּקע ווי זי האָט איהם אַריינגעכאַפּט... חאַ... חאַ... ער טאָר דאָך גאָרנישט געהן אָהן איהר... (קוקט איהם שעלמיש אָן) שעמען מעגסטו זיך, מיט מיידען טראָגט ער זיך אַרום... (שלמה קלערט אַ ווײלע. שרה כאַפּט איהם אָן ביי דער

האַנד, גיט איהם אַ פיהר אָב אין אַ זייט.) מיט מיר רייד... וואָס דאַרפסט דו זי? איך וועל דיר געבען אַ מיידעל... דו וועסט זעהען. (ווינקט צו איהם.)

### הינדעל.

(הינדעל ברעכט אויף די טהיר, לויפט אַריין מיט אימפעט).

וואָס האָבען זיי זיך אין איהם אָנגעכאַפּט? אַ בייזע נאַכט אויף זייער קאָפּ, ביי זיי לויפט אַוועק אַ טאָכטער... (כאַפּט אָן שלמה'ן ביי דער האַנד) דו ווייסט נישט, וואו זי איז. וואָס ווילען זיי פון דיר?

### שרה

(זעצט זיך אַוועק אויף אַ שטוהל, קוקט אָן שלמה'ן שעלמיש, ווייזט אויף הינדלען).

דאָס איז זי, די חיה'טע? כאַ—כאַ—כאַ...

### הינדעל

(קוקט זיך אום).

ווי אַ בייז געלעכטער עס איז אויף איהר... (צו שלמה'ן) דו ווייסט נישט פון איהר, (פיהרט איהם אין אַ זייט. אין דער שטיל) מיר וועלען אַוועקפאָהרען קיין לאָדז... דאָרט אַ חופּה שטעלען... אַ דירה דינגען... אַזעלכע צוויי נקבות... בעדענק, וואָס דו טהוסט? (הויך) וואָס האָבען זיי זיך אָן דיר אָנגעטשעפּעט? דו ווייסט נישט פון איהר... (ציהט איהם ביי דער האַנד) קום, שלמה... (שלמה וויגערט זיך).

### שרה

(הויך מיט אַ חנפ'ריג שמייכעלע).

נו, פאַרוואָס געהסטו נישט מיט איהר, שלמה? זי איז דאָך געקומען נאָך דיר... אַוועקפאָהרען נאָך לאָדז... אַ חופּה שטעלען... אַ דירה דינגען... הים, הים. (הייבט זיך אויף צו שלמה'ן, ציהט איהם אוועק

פון הינדלען.) אַזאַ יונגער יונג ווי דו ביסט, האָסט אַ אָרנטליכע יודי-שע מאַמע, אַ פרומען טאַטען געהאַט... וואָס וויל זי פון דיר האָבען? וואס האָט זי זיך צו דיר צוגעטשעפעט?

### שלמה

(רופט).

קום, שרה, נעהם אַרויף רבקה׳לען.

### הינדעל

(פערשטעלט איהם מיט דער האַנד דעם מויל).

דו וועסט נישט זאָגען... דו ווייסט נישט פון איהר, (זי לויפט צו צו דער אויסגאַנגס-טהיר, און מאַכט זי צו, אוועקשטעלנדיג זיך ביי איהר). איך וועל דיך נישט אַרויסלאָזען. (וואַרפט זיך צו שלמה׳ן, כאַפּט איהם אָן ביי דער האַנד) געדענק, שלמה... זיי מעגען, מיר טאָרען נישט?! קום, שלמה... מיר וועלען אַוועקפאָהרען... אַזאַ פרנסה... אַזאַ פרנסה...

### שלמה.

מיר האָבען שוין געהערט... שוין געהערט... (שטופט זי אָב פון זיך) שפּעטער וועלען מיר ריידען, איצט האָב איך קיין צייט נישט. (געהט אַרוים מיט שרה׳ן).

### שרה

(לויפט צוריק אַריין, גיט אַ פּראַל אויף די טהיר פון רבקה׳לעס צימער, רופט).

רבקה׳לע איז דאָ!

### הינדעל

(אין קאָרידאָר).

איך וועל דיך נישט לאָזען... דו וועסט נישט זאָגען...

### שלמה

(אין דער טהיר).

קום, שרה.

### שרה

(ארויסלויפענדיג נאָך שלמה׳ן).

איך געה, שלמה.

(שרה, שלמה, הינדעל אָב).

### ר׳ אלי

(קומט אַריין מיט׳ן „פעטער״).

גלויבט צו גאָט! גלויבט צו גאָט! (צום „פעטער״, וועלכער דרעהט זיך אַרויף און אַראָב איבער דער שטוב. ר׳ אלי געהט איהם נאָך) און זעהסט, אָט האָט דיר השם יתברך געהאָלפען... ער שטראָפט טאַקע, אָבער ער שיקט די רפואה פאַר די מכה... כאָטש דו האָסט געזינדיגט, כאָטש דו האָסט גערעדט עזות׳קייטען. (זאָגט איהם אָן) פון איצט אָן מוזט דו נעהמען אויף דיר, אַז דו זאָלסט אַזעלכע ווערטער נישט רעדען... זאָלסט דרך-ארץ האָבען... גרויס דרך-ארץ... זאָלסט וויסען, וואָס אַ ספר תורה איז, און וואָס אַ יוד אַ למדן איז... מוזט געהן אין בית-המדרש אַריין, מוזט דו געהן... מוזט אַ גרויסע נדבה אויף תומכי-תורה גע-בען... און פאַסטען אַ תענית, וועט גאָט דיר מוחל זיין... (פויזע. (קוקט אויפ׳ן „פעטער״, וועלכער דרעהט זיך אַרויף און אַראָב פערטראַכט אין אנדערע ענינים) וואָס, דו הערסט מיך נישט? מיט השם יתברך׳ס הילף וועט אַלץ דורכגעהן בשלום, איך וועל טאַקע באַלד אַריבערגעהן נאָכ׳ן חתנ׳ס פאָטער... און מיר וועלען די זאַך אַ דורכשמועסען בפרוטרוט... נאָר זאָלסט דיך נישט דינגען, אַ הונדערטער אַרויף, אַ הונדערטער אַראָב. זאָלסט וויסען, ווער ער איז און ווער דו ביזט... און זאָלסט טאַקע באַלד מסלק זיין דעם נדן און נישט בעלעמוטשען מיט די חתונה... אַז עס זאָל, חלילה, נאָך אַמאָל צו קיין מכשול נישט קומען... אַזעלכע זאַכען לייגט מען נישט אָב... (קוקט אויפ׳ן „פעטער״) וואָס, דו

הערסט מיך נישט? איך רעד דאָך צו דיר?

דער „פעטער"

(ווי צו זיך).

איין זאַך וויל איך זי נאָר פרעגען, נאָר איין זאַך, נאָר דעם אמת זאָל זי מיר זאָגען... דעם גאַנצען אמת: יאָ, אָדער ניין.

ר' אלי.

דו זינדיג נישט, דאַנק גאָט, וואָס ער האָט דיך אויף אַזוי ־כיעל געהאָלפען.

דער „פעטער"

(ווי פריהער).

איך וועל איהר גאָר נישט טהון... נאָר דעם אמת: יאָ, אָדער ניין.

ר' אלי.

דעם אמת... דעם אמת... גאָט וועט העלפען... אַלץ וועט אַ דורכגעהן בשלום... איך געה שוין נאָכ'ן מחותן, ער איז אין בית־המדרש און וואַרט אויף מיר אודאי, (קוקט זיך אום) זאָג דיין פלונית, אַז זי זאָל דאָ דערווייל צורוימען... און דו מאַך אַ קנין־יד, טאַקע באַלד אויפ'ן אָרט... אַז ער זאָל קיין צייט נישט האָבען פון עפּעס געוואָהר צו ווערען און חרטה צו האָבען... שמועס אָב די וזתונה און שיק אַוועק די כלה צום חתנ'ס משפחה... נאָר נישט בעלעמוט־שעט... שאַ שטיל, קיינער זאָל נישט געוואָהר ווערען... (מאַכט זיך צום אַרויסגעהן) און דו שלאָג דיר די נאַרישקייטען פון קאָפּ אַרויס, נעהם דיר גאָט צו הילף, און זיי אויפגערוימט... אַז דער מחותן זאָל חלילה גאָר נישט בעמערקען... (אַרויסגעהענדיג) זאָג דיין פלונית, אַז זי זאָל דאָ אָרענטליך מצַכן (געהט אָב).

### דער „פּעטער"

(דרעהט זיך ווי פריהער איבער די שטוב).

נאָר דעם אמת זאָל זי מיר זאָגען... דעם ריינעם אמת.

(אַ לענגערע פּויזע).

### שרה

(אין דער טהיר).

קום אַריין, קום, דער טאַטע וועט דיך נישט שלאָגען... (פּויזע) געה אַריין זאָג איך דיר. (שטופּט אריין רבקה'לען. רבקה'לע איז אין אַ טוך פאַרוּמגעהילט איבערן קאָפּ, שטעהט ביי דער טהיר, קוקט אונפערשעמט מיט די אויגען, פערביסען די ליפּען, שווייגט, שטעהענדיג אויף איין אָרט).

### שרה.

און וואָס שטעהסט דו, טאָכטער לעבען? נחת אונז אָנגעטהון... פאַר אונזער פראַצע... פאַר אונזער מיה... שוין שפּעטער זיך מיט דיר אָבגערעכענען (האקט אָב) געה אַריין... קעם דיך צו, טהו אָן אַ קלייד, אַ מענש דאַרף צו קומען... (צום „פּעטער") איך האָב געטראָפען ר' אלי'ן, ער איז געגאַנגען נאָכ'ן מחותן... (קוקט זיך אין שטוב אום) אַ חורבן נאָך מיר — ווי דו זעהסט אויס!

(נעהמט זיך האסטיג די זאכען גלייך צו שטעלען).

### דער „פּעטער"

(דערזעהט רבקה'לען, קוקט זי אָן, דערנעהנט זיך צו איהר, נעהמט זי וואייך אָן ביי דער האַנד, פיהרט זי אַהין צום טיש).

האָב נישט קיין מורא, איך וועל דיך נישט שלאָגען... (ער זעצט זיך) זעץ דאָ זיך אַנידער נעבען מיר, (רוקט איהר אַ שטוהל אַהער) זעץ דיך.

### רבקה'לע

(ברוגז'יג. בעהאַלט דאָס פּנים אין אַ טוך).

איך קען שטעהן אויך.

דער „פעטער".

זעץ דיך, (ער זעצט זי אנידער) האָב נישט קיין מורא.

רבקה'לע

(פון אונטער דער טוך).

וואָס האָב איך מורא צו האָבען?

דער „פעטער"

(שטאַמעלט).

רבקה'לע, זאָג מיר, רבקה'לע... דו ביזט מיין טאָכטער, אין בין דיין טאַטע, (ווייזט אויף שרה'ן) דאָס איז דיין מאַמע... זאָג מיר, טאָכטער, זעה, דעם גאַנצען אמת זאָג מיר... דו האָב נישט קיין מורא פאַר מיר... דו שעם דיך נישט פאַר מיר... איך ווייס, נישט איבער דיינע זינד, נישט איבער דיינע זינד... איבער מיינע, איבער מיינע, איבער דיין מאַמעס זינד... אונזערע זינד... זאָג מיר, טאָכטער.

שרה.

יב נאָר אַ קוק, ווי ער האָט זיך אַנידערגעזעצט מיט איהר אויסטענה'ן... וואָס וויל ער פון איהר האָבען? קוים דערלעבט! לאָז זי אַריינגעהן אָנטהון זיך, אַ מענש דאַרף דאָך באַלד אַנקומען. (געהט צו, וויל אוועקנעהמען רבקה'לען פון „פעטער").

דער „פעטער".

לאָז זי אָב זאָג איך דיר.

(שטופּט אָב שרה'ן פון רבקה'לען).

שרה.

משוגע איז ער געוואָרען היינט, וואָס טהוט זיך דאָס מיט איהם? (נעהמט זיך ווייטער צו צורוימען).

## דער „פעטער"

(זעצט אַנידער רבקה'לען נעבען זיך).

איך וועל דיך נישט שלאָגען... (נעהמט אָן מיט זיינע פינגער איהר דינעם האלז) ווען איך וואָלט דיר דעם האַלז אָבגעדרעהט אָט אַזוי, איי-דער דו ביזט אויפגעוואַקסען, וואָלט פאַר דיר גלייכער געווען און פאַר מיר גלייכער געווען... נאָר האָב נישט קיין מורא, איך וועל דיר גאָרנישט טהון... נישט איבער דיינע זינד האָט אונז גאָט געשטראָפט, איבער אי״ערע. איך האָב דיך אָבגעהיט ווי מיין אויג אין קאָפּ, אַ ספר-תורה האָב איך געלאָזט שרייבען, פאַר דיינעט וועגען... איך האָב עס צו דיר אין שטיבעל אַריינגעשטעלט און דערצו געבעטען גאַנצע טעג, גאַנצע נעכט: היט אָב מיין קינד פון שלעכטס... מיך שטראָף, דיין מאַמע שטראָף, נאָר מיין קינד היט אָב... וועסט אויפ-וואַקסען, וועל איך מיט דיר אַ שדוך טהון... איך וועל דיר נעהמען אַ אָרענטליכען יונגען-מאַן פאַר אַ חתן... איך וועל אייךביידען קעסט געבען... איהר וועט אייך ביידע לעבען...

### רבקה'לע

(פון אונטער דער טוך).

איך האָב נאָך צייט חתונה צו האָבען... איך בין נאָך נישט אזוי אַלט.

### שרה.

דאָס רעדט נאָך אַקעגען...

### רבקה'לע.

נאָר מיר ווילען זיי מאַכען פאַר אַ רבי'צין, פאַר וואָס האָט די מאַמע נישט אַזוי פריה חתונה געהאַט?

### שרה.

האַלט דעם פיסק, וואָרום איך פּאַטש עס דיר אויס! אויס-

געלערענט זיך דאָס, איבער איין נאַכט זיך אויסגעלערנט!

רבקה׳לע

(ניט פערשטענדיג).

יאָ, איך ווייס שוין...

דער „פעטער".

לאָז זי אָב! (האסטיג) איך וויל זי נאָר איין זאַך פרעגען... נאָר איין זאַך, דעם אמת זאָג מיר... איך וועל דיך נישט שלאָגען, איך וועל דיר נישט אָנריהרען, נישט דו ביזט שולדיג... (קען דאָס וואָרט נישט ארויסרייידען) אָפען זאָג מיר, דאָס... דאָס... דעם גאַנצען אמת זאָג מיר... דעם אמת...

שרה.

וואָס פאַר אַ אמת זאָל זי דיר זאָגען? וואָס ווילסט דו פון איהר האָבען?

דער „פעטער".

נישט דיך פרעג איך. (שטעלט זיך אויף, כאפט אָן רבקה׳לען ביי דער האנד) דו שעם דיך נישט פאַר מיר... איך בין אַ טאַטע בין איך... פאַר מיר קענסט דו אַלץ זאָגען... זאָג אָפען... ביזט נאָך... ביזט נאָך אַזוי ריין, ווי דו ביזט אַרויסגעגאַנגען פון דאַנען? ביזט דו נאָך אַ כשר יודיש קינד?

שרה

(רייסט ארויס רבקה׳לען פון פעטערס האנד).

וואָס ווילסט דו פון איהר האָבען; דאָס קינד ווייסט נישט פון קיין שלעכטס, לאָז זי אָב.

### דער „פעטער"

(האַלט רבקה'לען פעסט ביי דער האַנד, פּרובט איהר קוקען אין פּנים אַריין).

דו זאָג מיר דעם אמת, איך וועל דיר גלויבען... אין פּנים אַריין קוק מיר... גלייך אין פּנים אַריין... ביזט נאָך אַ כשר יודיש קינד? אין פּנים אַריין קוק מיר, גלייך אין פּנים אַריין! (בעמיהט זיך צו קוקען איהר אין פּנים אַריין. רבקה'לע בעהאַלט דאָס פּנים אין טוך).

### שרה.

פאַר וואָס נעהמסט דו נישט די טוך פון קאָפּ אַראָב? אין שטוב אין אַ טוך? (רייסט איהר די טוך פון קאָפּ אַראָב, רבקה'לע לאָזט זיך נישט, בע־האַלט דאָס פּנים אין קאַפּטען).

### דער „פעטער"

(שרייט).

דו זאָג מיר יעצט... שעם דיך נישט... איך וועל דיר גאָר נישט טהון. (האַלט זי פעסט ביי די הענד, נעהמט זי צו צו זיך און קוקט איה־ אין די אויגען). ביסט דו נאָך אַ כשר יודיש קינד? — זאָג מיר, דאָ אויפ'ן אָרט.

### רבקה'לע.

(פּרובט פערשטעקען דאָס פּנים אין קאַפּטען).

איך ווייס נישט...

### דער „פעטער"

(שרייט).

דו ווייסט נישט... דו ווייסט נישט, נאָר ווער דען ווייסט?.. ווי הייסט: דו ווייסט נישט? דעם אמת זאָגען... זאָג, ביסטו נאָך...

### ר ב ק ה׳ ל ע .

(גיט זיך א רים ארויס פון פעטער׳ס הענד).

און די מאַמע האָט געמעגט?.. און דער טאַטע האָט געמעגט?.. איך ווייס שוין פון אַלץ... (פערשטעלט זיך דאָס פנים מיט די הענד) שלאָגטס מיך, שלאָגטס מיך!

(ש ר ה לויפט צו מיט אויסגעשטרעקטע הענד, וויל רבקה׳לען שלאָגען, דער פעטער שטופט זי אָב מיט איין קלאַפּ, זעצט זיך אַוועק גלייך אויף זיין שטוהל, אָטעמט שווער אָב. רבקה׳לע זעצט זיך אויף דער ערד, וויינט הויך. א שטילע לאַנגע פּויזע. ש ר ה דרעהט זיך אין שטוב אַרום. מען זעהט, אַז זי ווייסט נישט, פון וואָס צו אָנפאַנגען. נאָך אַ לאַנגע פּויזע נעהמט זי דעם בעזעם און קעהרט אויס די שטוב שווייגענדיג, ווי זי וואָלט עפּעס געגנב׳עט, נאָכהער געהט זי צו צו רבקה׳לען, הויבט זי אויף ביי דער האַנד און פיהרט זי אריין אין צימער. דאָס אַלץ טהוט זי שווייגענדיג. דער „פ ע ט ע ר" גלייך אויף זיין אָרט. רבקה׳לע אָב).

### ש ר ה

(קומט אַריין פון רבקה׳לעס צימער, לויפט צו צום „פעטער", האַפּט איהם אָן פאַר דער האַנד, בעטענדיג זיך).

עקל, בעדענק דיך, געדענק אין גאָט, ווער דאַרף דען פון עפּעס צו וויסען?... (פּויזע) שטיל דיך איין... (פּויזע) רבקה׳לע וועט חתונה האָבען, מיר וועלען נאָך נחת פון איהר דערלעבען...

### דער „פ ע ט ע ר"

(שווייגט).

### ש ר ה.

טהו אָן אַ קאַפּאָטע, זיי וועלען דאָך באַלד אָנקומען. (קוקט אויף דעם „פעטער", אָבהאַקענדיג) ווער דאַרף דען פון עפּעס צו וויסען?

### דער „פ ע ט ע ר"

(שווייגט, גלאָצט מיט די אויגען אויף איין אָרט)

### שרה

(ברענגט אַריין דעם פעטערס ראָק, טהוט איהם אָן אַ הוט. דער „פעטער״ לאָזט זיך אָנטהון.)

**אַזאַ אונגליק... אַזאַ אונגליק... געה רעכט דיך אויף עפּעס...**

(אָנגעטהון דעם „פעטער״, מאַכט זי אויף זיך גלייך די מלבושים, שטעלט אַלץ אין אָרד-נונג, לויפט אַריין אין רבקה׳לעס צימער. מען הערט ווי זי בעהאַלט עפּעס דע יגען. לויפט באַלד צוריק אַרויס.) **שוין שפּעטער מיט דיך זיך אָברעכענען.** (קוקט אַרום די שטוב, אויב עס איז אַלץ אין אָרדנונג. גלייכט נאָך עפּעס אויס.) **היינטיגע צייטען... חאָווע אויף קינדער, אוי, אוי...**

(אויף די טרעפּ הערט מען אויפגעהעגדע טריט).

### שרה

(לויפט צו צום „פעטער״, ציהט איהם ביים אַרבעל).

**זיי געהען, געדענק אָן גאָט... יעקל... אַלס קען נאָך גוט ווערען...**

(עס קומען אַריין ר׳ אלי און אַ פרעמדער יוד).

### שרה

(שטופּט אַרונטער די האָר אונטער׳ן שייטעל, שטעלט זיך אין די טהיר, גרייט אויפצונעהמען די געסט).

### ר׳ אלי.

**גוט מאָרגען.**

### שרה.

**גוט מאָרגען — גוט יאָהר. ברוך הבא,** (אַביסעל צומישט. שטעלט זיי אנידער אַ שטוהל. בעט זיצען).

### ר׳ אלי

(פרעהליך).

**וואו איז דער מחותן?** (ווכט מיט די אויגען דעם „פעטער״).

### שרה

(מיט אַ שמייכעלע צום „פעטער״).

**יעקל, פאַרוואָס ווייזט דו דיך נישט?** (זי רוקט נעהנטער דעם שטוהל

צום „פעטער״.

(די יודען גיבען איהם אָב שלום-עליכם, זעצען זיך.)

ר׳ אלי

(בעוועגט מיט די הענד).

לאָז מען זיך באַלד נעהמען צום ענין. (צום פרעמדען יוד, וויזענדיג אויפ׳ן „פעטער״) דער יוד וויל זיך מיט אייך משדך זיין, ער האָט אַ כשר׳ע, יודישע בתולה, וויל ער איהר געבען אַ מאַן אַ תלמיד-חכם, קעסט כל ימיו.

דער פרעמדער יוד.

מהיכי תיתא!

דער „פעטער״

(שטעלט זיך אויף פון טיש.)

יאָ, ר׳ יוד, אַ כשר׳ע יודישע בתולה... אַ כשר׳ע...

ר׳ אלי

(צום פרעמדען יוד).

פינף הונדערט רובל במזומנים וויל ער באַלד מסלק זיין צו די תנאים... קעסט כל ימיו... האַלטען איהם ווי אַ אייגען קינד.

דער פרעמדער יוד.

מילא מיין סחורה האָב איך נישט אויסצוריהמען, ער זיצט אַ צוויי יאָהר און לערנט — האָט ער די הוראה אין קעשענע.

ר׳ אלי.

דאָס ווייסט מען טאַקע — דער יוד וועט איהם האַלטען ווי אַ אויג אין קאָפּ, פון כל טוב וועט ער דאָ האָבען, ער וועט קענען זי-צען און לערנען יום ולילה.

דער „פעטער״.

(וויזט אויף רבקה׳לעס ציטער.)

יאָ, דאָרט, דערינען וועט ער זיצען און לערנען אין דער

הייליגער תורה... איך האָב אַ כשר'ע, יודישע טאָכטער. (געהט אריין אין רבקה'לעס צימער און שלעפט ארויס מיט געוואַלד רבקה'לען ביי דער האַנד, זי איז נאָך האַלב אויסגעטאָן, די האָר צופלאָשעט. ווייזט אויף רבקה'לען) אַ כשר'ע יודישע בתולה וועט חתונה האָבען פאַר אייער זוהן... האָבען כשר'ע, יודישע קינדער... ווי יעדע יודישע טאָכטער... (צו שרה'ן) וואָס, ביין? (לאַכט ווילד צום פרעמדען יוד). יאָ, יאָ, מחותן, אַ כשר יודיש ווייבעל זיין... מיין ווייב וועט זי אונטער דער חופּה פיהרען... אין „הייזעל" אַראָב! אונטען! (ווייזט אויפ'ן קעלער) אין „הייזעל"! (שלעפּט רבקה'לען ביי די האָר צו דער טהיר) אין „הייזעל" אַראָב!

## שרה

(לויפט צו ווילד).

געוואַלד, מענשען, ער איז משוגע געוואָרען! (זי וויל ארויסרייסען רבקה'לען).

(דער „פעטער" שטופּט זי אָב, שלעפט ארויס רבקה'לען פאַר די האָר).

## דער „פעטער"

אין „הייזעל" אַראָב... (אָב מיט רבקה'לען, הינטער דער סצענע הערט מען רבקה'לעס געוויין).

## דער פרעמדער יוד.

(ערשטוינט און דערשראָקען).

וואָס איז דאָס?

(ר' אליווינקט צו איהם. שלעפּט איהם ביים אַרבעל און ווייזט איהם אויף דער טהיר. דער פרעמדער יוד שטעהט נאָך ערשטוינט. ר' אלי ציהט איהם צו דער טהיר, געהען אָב. פּויזע.)

## דער „פעטער"

ברענגט צוריק צושלעפען ביי דער האַנד ר' אלי'ן, וועלכען ער האָט אויף די טרעפּ געפאַקט.)

דאָס ספר-תורה בעהמט אייך מיט, איך דאַרף עס שוין נישט מעהר!

(פאָרהאַנג).

# מיטן שטראם.

# פערזאנען.

ר׳ זרח. א רב.

הינדעל. זיין ווייב.

רחל׳ע. זייער טאָכטער. } ביי שווער און שוויגער אויף קעסט.
דוד. איהר מאן.

יחזקאל׳ע. זייער קינד.

## צייט:

אין די זיעבציגער יאהרען פון פערגאנגענעם יאהרהונדערט.

## ארט:

אין א קליין שטעדטיל ביים טייך.

---

# ערשטער אקט.

די סצענע שטעלט פאר א גרויסע בית-דין שטוב ביי׳ם רב. רעכטס א טהיר פון דרויסען אריינצוקומען. די טהיר געפינט זיך אין קארידאר פון בית-המדרש (און עס הערט זיך דורך דעם דאס שטענדיגע גערויש פון די דאווגער אדער די לערנער פון בית-המדרש אויף דער סצענע). לינקס — א צווייטע טהיר פיהרט צום יונגען פאר-פאלק — צו דוד און רחל׳עס שטוב. געגען איבער צושויע א דריטער טהיר, וועלכע פיהרט פון די אינווענינסטע צימערן; ארום די טהירען — שענק בעשטעלט מיט ספרים, פון ביידע זייטען טהיר אין הינטער-גרונד — צוויי קליינע פיינסטערלעך בעהאנגען מיט האלב-לייוועגדע פארהענגלעך. אין מיט׳ן שטוב א לאנגער טיש בעלעגט מיט גרויסע און קליינע ספרים. פון אנ-הויב טיש ליגט א גרויסע אפענע גמרא, א נאז-טיכעל אויף איהר און א טאבאק-שקעמיעלע. אין די זייטען טיש צוויי לאנגע בענק, א כיור ביי׳ם וואנד. אין א ווינקעל שטוב יו מזרח וואנד שטעהט א קליין שענ-קעל בעהאנגען מיט א פרוכת׳ל, אויפ׳ן שענקעל צוויי לייכטערלעך מיט ליכט די שטוב בעלייכט א ברייטע הענגענדע לאמפ — עס איז אבענד נאך עלף א זייגער. פון דרויסען הערט זיך דאס שטענדיגע גערויש פון וואסער וואס ברעכט זיך פון אונטער דעם אייז. אמאל איז דאס גערויש שטילער, — אמאל שטארקער.)

---

רחל׳ע (זיצט אויף איינע פון די בענק, זי איז א יונג ווייבעל פון א יאהר איינינע און צוואנציג, פרום, שעהן און צנועה׳דיג, האלט דעם שלאפענדען קליינעם יחזקאל׳ע אין איהר שויס — וויגט איהם נאך אין די הענד, זינגענדיג אין דער שטיל דעם מאטיוו):

אונטער יחזקאל׳ס וויגעלע
שטעהט א קליין ציגעלע

## דאָס ציגעלע איז נעגאַנגען האַנדלען

(שטיל) איַינגעשלאָפֿען.

הינדעל (זיצט נעבען איהר, א יודענע אין יאָהרען, א ברייטע הויבע רבי'צען מיט א ברייטען גלענצענדען שטערן, טראָגט ברילען אויף דער נאָז, שטריקט א זאָק): גלויב צו גאָט. אח, אח, וויפיעל דאָס נעהט אָן אַ טאָג (טהוט דעם קינד .אוים פאָרזיכטיג די שיכלעך): מיר זאָל זיין פאַר דיינע ביינדעלעך, קינד לעבען (טהוט איהם אוים דאָס ציצה-כנפות'ל): מען זאָל פון דיר נחת דערלעבען דער טאַטע דיינער, די מאַמע דיינע.

רחל'ה (זיפצט ביטער אָב): אָ יאָ, זיין פאָטער נחת?...

הינדעל. שלאָג דיר טאָכטער די נאַרישע געדאַנקען פון קאָפ אַרוים עס איז גאָר נישט, און עס וועט מיט גאָט'ס הילף גאָר נישט זיין.

רחל'ה (ווי פאַר זיך). דו וואָלסט געדאַרפט הערען זיינע קרעכצען ביי נאַכט, מאַמע.

הינדעל (קלערט א ווילע). און ווידער אַרום, ווער קען וויסען? דער טאַטע זאָגט אויך, אַז ער געפעלט איהם עפעס נישט די לעצטע צייט.

רחל'ה (רוקט זיך צו דער מוטער נעהנטער). מאַמע לעבען, דו ווייסט, נעכטען ביי נאַכט ליג איך אַזוי אין בעט און האָרך מיך איין, און פלוצים, מאַמעשי, הער איך ווי ער וויינט, גלייך ווי ער וואָלט זיך ביי עמיצען געבעטען. האָב איך מיך אין דער שטיל אויפגעהויבען, בין פאַמעלעך צו געגאַנגען צו איהם, זעה איך מאַמעשי, ווי ער ליגט מיט'ן פנים אין קישען איינגעגראָבען און וויינט. האָב איך מיך זעהר דערשראָקען, האָב איך איהם גערופען: דוד, דוד! איז ער אויפגעקומען, פרעגט ער „רחל'ה דו ביזט עס". איך האָב אַזוי מורא געקריגען (פויזע)?

הינדעל. אַ יודישע טאָכטער דאַרף שטענדיג וויסען וואָס דער מאַן האָט אין זינען, זי דאַרף שטענדיג וויסען, וואָרום...

רחל'ה. אָבער ווי אַזוי מאַמע? איך בעט מיך ביי איהם: דוד, וואָס איז דיר, נעמט ער מיך איין מיט גוטען: גאָר נישט, זאָגט ער, רחל'ה, גאָר נישט.

הינדעל. זעהסט דו, קינד לעבען, דאָס זענען קיין רייד נישט. אַ יודיש ווייבעל דאַרף וויסען, — מאַכט שוין אַזוי, אַז זי זאָל וויסען... אז דיין טאַטע האָט נאָך אונזער חתונה געוואָלט אַראָב פון קעסט, און איז

ארום געגאנגען מיט אַן׳ אראָבגעלאָזטער נאָז, מיט קיינעם נישט גערעדט, האָב איך באַלד פערשטאַנען וואָס ער מיינט. פאַר׳ן מויל האָט ער עס נישט געבראַכט, און איך האָב עס געוואוסט, ווי אזוי? ווי ארום? אַז מען איז אַ ווייב ווייסט מען שוין.

ר ח ל׳ ה. וואָס זאָל איך טהון, מאַמע? זאָג מיר, איך גײה אירם נאָך ווי אַ שאָטען. אין די אויגען קוק איך איהם אַריין, זײַך וויל עס איהם פון די ליפען אַראָבשאַרען... און דאַכט זיך מיר, ער זאָגט מיר עפּעס, נאָר איך פערשטעה איהם נישט... איך בין אַ נאַרישע יודענע, איך קען איהם נישט פערשטעהן. (וויינט, דאָס קינד וועקט זיך).

ה י נ ד ע ל (נעמט זי איין). וויין נישט, וואָס האָסט דו צו וויינען? וועסט נאָך דאָס קינד אויפוועקען, גיב׳ן מיר (נעמט פון איהר דאָס קינד). זײַ וויסען, אַז דיין מאַן איז נישט קיין „ליאַדע-ווער": זײַ וויסען, אַז דיין מאַן איז אַ גרויסער, גרויסער יוד, אַ גדול בדור איז ער. דער טאַטע זאָגט, אַז פון איהם וואַקסט אַ גרויסע ישועה אויף יודען... ווייס איך, אפשר איז עס ביי זיי אַזאַ גאַנג... אפשר אַ תשובה... אפשר קלאָגט ער אויף אַזעלכע זאַכען וואָס מיר זעהען נישט און פערשטעהען נישט... איך ווייס נישט, טאָכטער, אויב דו וועסט מיך פערשטעהן, נור זײַ וויסען, אַז דו האָסט אויף דיר אַ סך, אַ סך גענומען, אַז דו ביסט זיין ווייב געוואָרען, דו מוזט ראוי זיין צו דעם. דער טאַטע האָט מיך געהייסען דיר דאָס זאָגען: דו מוזט דיך סטאַרײַען ווערט צו זיין, צו זיין זיין ווייב, אַז ער זאָל נישט דאַרפען זיין נשמה אַראָב צו נידערן צו דיינע, נור לייכט זאָל דיין נשמה זיין, אַז ער זאָל זי קענען מיט אויפהייבען צו זיך. (פויזע). זאָג מיר, טאָכטער, האָט ער דיך ליעב?

ר ח ל׳ ה (בעהאַלט שטיל דאָס געזיכט אין די הענד).

ה י נ ד ע ל. זאָג, טאָכטער לעבען, פאַר אַ מאַמען שעמט מען זיך נישט. עס איז קיין עברה נישט, אַדרבה, אַ יודיש ווייבעל דאַרף זעהען, דאַרף זיך מיהען, אַז דער מאַן זאָל זי ליעב האָבען.

ר ח ל׳ ה (אויסשלוכצענדיג). איך ווייס נישט. מאַמע.

ה י נ ד ע ל. ווי הייסט, דו ווייסט נישט? ווער דען זאָל וויסען? זאָג מיר טאָכטער, (זאָגט אירר שטיל אין אויער): שוין לאַנג איז ער ביי דיר געווען?

ר ח ל׳ ה (בעהאַלט דעם קאָפּ אין דער מוטער׳ס שויס). נעכטען ביי

נאַכט, אַז ער איז געקומען צו מיר, האָט ער מיר אַרויפגעלייגט דעם קאָפּ אויף מײַן האַרץ... ער האָט מיך נור אויף מײַן האַרץ געקושט, און די טרערן זײַנע האָבן מיר גערונען אויף מײַנע בריסטען...

הינדעל. זאָג איך דיר, טאָכטער, זאָרג דיך נישט, זאָלסט דיך אויף גאָט פערלאָזען, מיט זײַן הילף וועט אַלץ גוט זײַן, זאָלסט נור גאָט בעטען ער זאָל דיך ליעב האָבען. אַצונד גיה שלאָפען, גיה, לייג יחזקאלין (הייבט זיך אויף און גיט איהר איבער דאָס קינד). נו גיה לייג זיך, עס איז שוין שפּעט, דער טאַטע וועט באַלד אויפוועקען זיך צו חצות.

רחל'ה (נעמט דאָס קינד פון דער מוטער). דוד איז נאָך אין בית־המדרש.

הינדעל (פיהרט זי אָב צו דער טהיר, שפּילענדיג זיך מיט'ן קינד). ווי דאָס האַלט די אייגעלעך צו, דו, דו לאָבעס אײַנער... (זי קושט דאָס קינד אין דער שטיל). דוד'ן וועל איך שוין אָבוואַרטען.

רחל'ה (אין דער טהיר). אַז איך בין נישט דאָ וועט ער נישט עסען. (אָב).

הינדעל (נעמט אַ טישטוך, גרייט צום טיש, לייגט אויף זאַלץ־מעסטעל, ברויט, גאָפּעל־מעסער). אַנ'אַנדערעניש אַביסעל, אָהן מיר וועט ער נישט עסען, געב זיי גאָט דאָס געזונד און לעבען. (דערמאָנט זיך). אַזוי איז אויך געוועזען מיט מײַן אַלטען אין די יונגע יאָהרען. קומט אַהיים פון בית־המדרש, זעצט זיך אַנידער וואַרטען: זרח גיה דיך וואַשען צום עסען, ער זיצט, וואָס זיצט דו זרח? אַהאַ הינדעל איז נישט דאָ... אוי, אוי די מאַנספערשוינען... די מאַנספערשוינען... (עס הערען זיך אַנקומענדע טריט). אַהאַ שוין דאָ.

דוד (קומט אַרײַן, אַ הויכער יונגערמאַן פון אײַניגע און צוואַנציג יאָהר, אַ בלייך טרויעריג געזיכט; טהוט אויס דאָס פוטער, הענגט עס אויף דער טהיר, בלײַבט שטעהן אין אַ לאַנגען אַטלעסען ראָק, גאַרטעל). גוט נ'אָבענד, שוויגער. (דרעהט זיך איבער'ן צימער).

הינדעל (מיט אַפּעלעניש). גוט נ'אָבענד, גוט יאָהר. גוט וואָס דו ביסט שוין געקומען. איך האָב שוין געוואָלט שלאָפען געהן. גיה וואַש זיך צום עסען, פלינקער, ס'ווערט קאַלט. (מיט אַ מוטערליך געביזער): ווי זוימט מען עס זיך אַזוי לאַנג אין בית־המדרש, אַ יונגער מאַן וואָס האָט אַ ווײַב און אַ קינד טאָר נישט אַזוי לאַנג זיצען אין בית־המדרש... מײַן

טאַטע זכר צדיק לברכה, דער ראש ישיבה, פלעגט באַלד נאָך מעריב די יונגע לייט פון בית־המדרש מיט אַ שטעקען אַהיים טרייבען. און ס'איז באמת קיין יושר נישט: זיי זיצען זיך דאָרט אין בית־המדרש, און די ווייבער לאָזען זיי אַליין וואַרטען אויף זיך אין דער־היים...

**דוד** (שטעלט זיך אָב אַ ווײַלע): וואו איז רחל'ה?

**הינדעל**: רחל'הן האָב איך שלאָפען געיאָגט, — נו, געה דיך וואַשען

**דוד**: ניין, איך וועל נישט עסען, איך בין נישט הונגעריג,— אַ גוטע נאַכט שוויגער. (געהט אָב אין זיין צימער).

**הינדעל** (מיט אַ שמייכעל): ווי זי האָט עס באַלד געוואוסט... רעכט אַזוי, גאַנץ גוט אַזוי.. (זי דרעהט אַראָב די לאָמפּ) אַ גוטער סימן... אַ גוטער סימן... (אויף די סצענע ווערט טונקעל, הינדעל געהט מיט וועהר לייכטע טריט אָב. פּויזע. עס הערט זיך פון דער צווייטער שטוב איהר אויסגעהענדיג קול: „טהו וואַרפען אַ שלאָף אויף מיינע אויגען..." פון דרויסען גיסט זיך דאָס וואַסער אין דער שטיל... פּויזע).

**דוד** (קומט אַריין צוריק פון זיין צימער, געהט אום אויף און אָב, געהט אַ ווײַלע צו צום פענסטער, הערט זיך איין צו'ם גערויש, אַם ענדע זעצט ער זיך אַנידער ביי'ם טיש, דרעהט אַרויף די לאָמפּ, נעמט אַ ספר אונ הויבט אָן צו לערנען מיט אַ טרויעריגער שטימע, פריהער שטיל, דער־נאָך העכער).

**רחל'ה** (עפענט שטיל די טהיר, בלייבט שטעהן אַ ווײַלע, געהט שטילערהייט צו צו דוד'ן): דוד —

**דוד**: דו ביסט עס, רחל'ה, פאַר וואָס האָסט דו דיך אויפגעהויבען?

**רחל'ה**: איך ווייס אַליין נישט, (פּויזע), עפּעס קען איך היינט נישט שלאָפען.

**דוד** (ווייך און אונרוהיג): פאַר וואָס, רחל'ה?

**רחל'ה**: איך האָב מיך עפּעס אויפגעכאַפּט... עס איז אויף מיר אַ גרויסע שרעק אָנגעפאַלען, דאָס וואַסער רוישט אַזוי אין דרויסען, דאָס אַיז ברעכט זיך אויף, אונ עס געהט מיט אַזאַ קראַפּט.

**דוד** (ווי פאַר זיך): דעם שבת האָט מען דאָך ראש חודש אדר

געבענטשט, און דאָס וואַכער פיהלט, אַז עס איז געקומען די צײַט, זיך פון איין צו באַפרייען. עס ברעכט זיין דעק, זיין ווינטער, און עס געהט פריי אַרויס אויף דער וועלט.

רחל'ה: אויף מיר איז אַ גרויסע שרעק אָנגעפאַלען, איך האָב דיך גערופען, דו האָסט מיר נישט אָבגעענטפערט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דו ביסט שוין נישטאָ.

דוד: קינד פאַר וואָס האָסט דו דיך ערשראָקען? האָסט דאָך געוואוסט, אַז איך בין דאָ. (פויזע). געה רחל'ה, געה צוריק שלאָפען.

רחל'ה: קום אויך, איך האָב מורא

דוד: געה, נעם דיר דאָס קינד אין בעט אַרײַן, (געהט צו צו איהר) איך וועל באַלד אַרײַנקומען, איך דאַרף נור עפּעס נאָך־קוקען. (פיהרט זי צו צו דער טהיר) שלאָפט יחזקאל'ע?

רחל'ה (אין טהיר): יאָ, דוד. עס איז מיר איהם אַ שאָד צו וועקען. די בעקעליך האָט ער אַזאַלכע רויטע און די אויגעליך פערמאַכטע, (גוטווילינג) ער שמייכעלט מיט די ליפּעליך ווי דער מלאך וואָלט מיט איהם תורה געלערנט. (אָב אין איהר צימער)

דוד (דרעהט זיך נאָך אַ קליינע פויזע אַרויף און אַראָב איבערן צימער אונרוהיג. געהט צו צום פענסטער, קוקט אַרויס. געהט פּלוצלונג צו צו אַ שאַנק ספרים, נעמט פון הינטער גמרות אַרויס איינינע שטיקער וועש, ספרים'לעך קליינע, וויל ווי זיך איינפּאַקען, געהט פּאַמעליך צו צו רחל'הס צימער — האָרכט זיך איין עפּענט זעהר פּאַמעליך אויף די טהיר, אין דער טהיר ווייזט זיך רחל'ה.

רחל'ה (איז דער טהיר, האַלב אין טרעהרען): איך ווייס פון אַלעם, דוד, איך ווייס.

דוד (ערשראָקען): וואָס ווייסט דו רחל'ה? וואָס?

רחל'ה: איך ווייס וואָס די ווילסט טהון. דו ווילסט ערגעץ וואו אַוועק, איך ווייס אַליין נישט וואו אַהין, (זי פאַלט אויף זיין האַלז, און וויינט אין דער שטיל) איך ווייס אַליין נישט, איך ווייס אַליין נישט. (דוד נעמט זי לייכט פון זיין האַלז אַראָב, ער געהט אַרויף און אַראָב איבערן צימער, נישט קוקענדיג אויף איהר).

רחל'ה (האַלב שלוכצענדיג): האָסט געמיינט איך שלאָף... נעבטען

ביי נאכט. ווען דו ביסט צו מיין בעט צוגעקומען... איך האב אלץ געהערט... אלץ געהערט...

**דוד** (געהט צו צו איהר קוקט זי אן): וואס האסט דו געהערט רחל'ה?

**רחל'ה** (ועצט זיך אויף א באנק, שטיל): ווען דו האסט דיין קאפ אויף מיין הארץ אנידער געלעגט (פויזע), האסט געמיינט, אז איך שלאף און פיהל נישט... דו האסט געשוויגען, דו האסט נור בלויז געקוקט אויף מיר ווי דו וואלסט דיך עפעס געבעטען ביי מיר. איך בין אויף געווען. איך האב נישט געוואלט די אויגען עפענען, אז דו זאלסט דיך נישט ערשרעקען, איך האב דיך נור בלויס ביים נאמען גערופען דוד, דוד, אזוי שטיל אין הארץ, דו האסט נישט געהערט... דו האסט דיך נעהנטער צוגעבויגען צו מיר, דו האסט מיר עפעס אנגעזאגט, איך האב נישט געהערט וואס דו האסט מיר אנגעזאגט, מיר דאכט זיך דוד, אז דו האסט דיך מיט מיר געזעגענט, יא, דוד? (פויזע, זי וויינט אין דערשטיל, דוד זעצט זיך נעבען איהר. רחל'ה זאגט ווייטער זיך אויסוויישענדיג די אויגען) אז איך האב די אויגען אויפגעעפענט האב איך געזעהן ווי דו ביסט געשטאנען ביי'ם קינד'ס וויגעל... דו האסט אויף איהם געקוקט, האסט איהם עפעס ווי אנגעזאגט, איך האב נישט געהערט וואס... דוד, דאס הארץ שרעקט אין מיר, וואס ווילסט דו טהון, דוד? וואס ווילסט דו טהון?

**דוד** (בויגט זיין קאפ אין איהר שויס. שווייגט. א לאנגע פויזע).

**רחל'ה:** עפעס טראגסט דו א שרעקליכען סוד אין דיין הארץ ארום. דו שווייגסט שטענדיג, דו בעהאלטסט דיך פאר מיר. צי בין איך נישט דיין ווייב, וואס בעהאלטסט דו דיך פאר מיר? (פויזע) עס דאכט זיך מיר, אז עפעס אין דיר וויינט שטענדיג. הייגט אין דער פריה האב איך דיך לערנען געהערט, דיין קול איז אזוי טרויעריג געווען. מיר האט זיך געדאכט, אז דו לערנסט נור, ווייל דו ווילסט עפעס פערזאגען פון דיר, פערגעסען... און טהייל מאל האסט דו אין עפעס פערגעסען, און דיין שטימע ווערט אזוי ריין... און באלד ווערט זי ווייטער טרויעריג. גאט מיין איינציגער, ווי מיט א מעסער

אַזוי האָט זי אין הארץ געשניטען... דו ווילסט עפּעס זאָגען מיט דיין קול, עפּעס אַזוינס וואָס דו קענסט עס נישט מיט ווערטער אויסזאָגען ווילסט דו עס מיר מיט דיין קול אין מיין הארץ איינזינגען... און איך האָב דיך געוואָלט פערשטעהן איך האָב דיך אָבער נישט געקענט פערשטעהן. איך בין אַ נאַרישע יודענע, דוד. איך קען דיך נישט פערשטעהן וואָס איז דיר דוד? וואָס איז דיר?

דוד (שטיל אָבער זיכער): איך וויל אַוועק פון דאַנען רחל'ה.

רחל'ה: אַוועק? וואו אַהין? אַ היים צו דיינע עלטערן?

דוד: ניין, אויך פון מיינע עלטערן.

רחל'ה (ערשראָקען): װאָס, דיר דאָ דען שלעכט ביי אונז?

דוד: ניין, גאָר נישט פעהלט מיר, און אַלץ פעהלט מיר.

רחל'ה (קלעהרט אין אַ בעהאַלטענער שרעק): בין איך דיר פערמאוסט געוואָרען, דוד?

דוד: ניין רחל'ה, איך וויל דיך נישט גענאַרען, אָפען וויל איך זיין... דו זאָלסט מיך פערשטעהן. איך קען דאָ נישט לענגער בלייבען... איך מוז אַוועק פון דאַנען!

רחל'ה (נעהנטער אין איהם): עפּעס רעדסט דו היינט אַזוי וואונדערליך, וואָס איז דאָס מיט דיר געוואָרען דוד?

דוד: איך ווייס נישט אויב דו וועסט מיך פערשטעהן, רחל'ה, מיר פעהלט גאָר נישט, אַלץ האָב איך, נור דאָ איז מיר ענג. דו זעהסט דאָ די ספרים, די גרויסע, די קליינע (ער וויזט אויף די שענק ספרים), יעדעס ספר האָט מיר אַ רינג אויף די הענד געלעגט און איך וויל מיך בעפרייען פון די רינגען!... פערשטעהסט, דאָ זענען מענשען טויטע, ווינטערדיגע, אין ווינטער געבוירען, אין ווינטער געלעבט און אין ווינטער געשטאָרבען... און אַזוי ציהט זיך איין טויטער לאַנגער ווינטער פון דור צו דור... דער פאָטער גיט איהם איבער דעם זוהן, און דאָס קינד, דאָס קליינע קינד אַזוי ווי עס עפענט נור די אויגען —לערנט מען עס באַלד אַלט צו זיין, צוגרייטען זיך צום גלות... פערהוילען און אַוועק־רויבען פון איהם דעם זונען־שטראַהל... דאָס לאַכען פון די ליפּען... דאָס לעבען וואָס קוקט אין אונזער פענסטער אַריין... מען מוז איהם אין שאָטען בעהאַלטען, אַז ער זאָל קענען געפינען זיין „זיין“, זיין לעבען צווישען די פערשטויבטע ספרים...

(פֿויזע) עס זענען אָבער פֿערהאַנען אַזעלכע וואָס ווילען נישט זייער טויט לעבען ווייטער פֿירהרען, — אַ דור נאָך אַ דור... צו וואָס? וואָס פֿאַר אַ האָפֿנונגען האָט מען צו געבען אונזערע יונגע דורות... איך וויל אין דער וועלט געהן און מיר אַ וועג זוכען, פֿאַר מיין קינד דערינען, אַז דער יונגער דור וועט אויפֿוואַקסען זאָל ער אַ נייעס לעבען האָבען. און דו רחל'ה, דו מוזט מיר דאַביי מיטהעלפֿען—פֿאַר איהם דערינען, פֿאַר אונזער קינד וויל איך אַ וועג זוכען.

רחל'ה: איך פֿערשטעה דיך נישט, דוד... איך פֿיהל ווי אַ קאַלטער ווינד בלאָזט מיר אין די האָר, און מיין האַרץ שרעקט אַזוי אין מיר... און מיר ווערט אַזוי באַנג... וואו אַהין ווילסט דו, דוד?

דוד: אין מיר האָט זיך די פֿריהלינג ערוועקט, איך פֿיהל ווי עס ויעקט זיך אין מיר אַ לעבען אויף, איך וויל אַוועק אין דער וועלט, דאָרט ווייט מיט'ן וואַסער, (שטאַרק) איך וויל אַוועק זוכען און געפֿינען און אייך לעבען ברענגען. איך וויל נישט דאָס מיין קינד זאָל זיין אַ פֿינסטער גלות קינד. הער, איך בין אויך אַ מענש, איך האָב אַ האַרץ, און דאָס האַרץ וויל האָבען מיט וואָס צו לעבען, אויף וואָס צו האָפֿען — דאָס וויל איך רחל'ה. (ער געהט צו צו איהר) איך וויל מיין קינד זאָל נאָך עפּעס בענקען, זאָל פֿאַר עפּעס ליידען... ער זאָל צו עפּעס דינען. אַ „גאָט", פֿאַר מיין קינד וויל איך, אַ „תורה", אַ „גאָט" בעשאַפֿען.

רחל'ה (ערשראָקען, האַקט איהם איבער): איך פֿערשטעה דיך נישט, דוד, וואָס רעדסט דו, חלילה... אַ פֿרעמדען גאָט... וואָס איז מיט דיר? (פֿעסט, עררעגט) עס איז מיין קינד פֿונקט אַזוי ווי דיינס, איך וועל נישט דערלאָזען... וואָס איז מיט דיר, דוד?! (זי פֿערבאָרגט דאָס געזיכט אין די הענד און וויינט ביטערליך).

דוד: דו האָסט מיך נישט פֿערשטאַנען, רחל'ה, איך מיין, חלילה נישט... (שטאַרק) דעם איינציגען לעבענדיגען „גאָט" פֿון דער גאַנצער וועלט.

רחל'ה (בערוהיגטער): דו רעדסט עפּעס אַזוי. דעם איינציגען לעבענדיגען גאָט דינענסט דו דאָך. דו לערנסט גאַנצע טעג צו איהם, און דיין געזאַנג געהט צו איהם צום הימעל אַרויף, דאָס איז זיין לויב.

(פויזע) און איך וויל דאך שוין אויך, אז מען זאל די זכיה האבען צו הערען אונזער קינד לערנען. מיט דיר וועט ער בייזאמען זיטצען און אין די הייליגע תורה לערנען, ער וועט דיין קול האבען, וועסט זעהן, גאט וועט אונז העלפען.

ד ו ד (גראבט איין זיין געזיכט אין איהר שויס): דו פערשטעהסט מיך נישט רחל'ה, דו קענסט מיך נישט פערשטעהן, פרעמד מוז איך זיין פאר דעם, וואס איך וואלט נישט געוואלט זיין פרעמד.

ר ח ל ' ה (קוקט אויף איהם מיט געבעט): דוד, ווארף אוועק די בייזע געדאנקען, צו וואס טויג דיר דאס? וועסט זעהן, גאט וועט אונז העלפען. דו וועסט אין אלעס פערגעסען... דו וועסט זיטצען מיט יחזקאל'ן און אין דער הייליגער תורה לערנען, ווי דענסטמאל... געדענקסט, חתן־וויי. דו ביסט דערינען געזעסען און געלערנט, איך האב מיך אונטער די טהיר געשטעלט און אונטערגעהארכט, דיין קול האט אזוי געזונגען.. עפעס א גליק האסט דו מיט דיין קול אויסגעזונגען, און מיר איז אזוי גוט געווען, מיר האט זיך געדאכט, אז דאס רעדסט דו צו מיר. — ווען וועסט דו דיין קול ווידערקריגען? דוד ווארף אוועק די בייזע געדאנקען.

ד ו ד: די וואס שלאפען זינגען א שטיל ליעד, חאפט זיך ווער אויף פון שלאף דער צורייסט זיין שטיל ליעד...

ר ח ל ' ה: קום איך וועל דיך אין מיר בעהאלטען... איך וועל פון דיר דיינע געדאנקען פערטריבען, דו וועסט זעהן (יחזקאל'ס קול, פון דער צווייטער שטוב: מאמע, מאמע), הערסט דוד, אונזער קינד רופט זיך אן, די אויגען האט ער אודאי געעפענט. „מאמע" רופט ער, דיין קול, דיין קול איז עס... מיר וועלען נאך די זכיה האבען, וועסט זעהן, גאט וועט אונז העלפען, מיט דיר וועט ער זיצען בייזאמען און אין די הייליגע תורה לערנען (געהט צו דער טהיר) פונקט אזוי ווי דו, דענסטמאל... (אב)

ד ו ד (אליין): און דערנאך וועט זיך זיין קול ענדערן... וויינען וועט עס, בענקען, בעטען זיך... און אזוי ווייטער... א דור נאך א דור... (פויזע) און אפשר גענאר איך מיך אליין אב. עס דאכט זיך מיר, דאס וואס איך זאג זענען נור הוילע ווערטער, ווערטער אהן

יסוד ... אין מײַן הארץ, דאָרט, לעבט עפּעס אַנ'אַנדערע וועלט, איך קען צו איהר נישט צוקומען.

ר ח ל' ה (קומט אַרײַן, האַלטענדיג דעם קלײַנעם שלאָפענדען יחזקאל'הן אויף דער האַנד, זעצט זיך אַנידער מיט איהם, האַלב ווי זאָגענדיג צום קינד): עס איז אוועקגעפאָהרען דער טאַטע גאַנץ ווײַט, איבער בערגער און טאָהלען... אין אַ ליכטיג לאַנד, פאַר דיר פון דאָרט אַ שטראַהל ליכט צו ברענגען, וועט איבערבלײַבען דער טאַטע אין ליכטיגען לאַנד, וועט איבערבלײַבען די מאַמע אין פינסטערן לאַנד, און דו קינד, וואו וועסט דו זײַן? —

(די לאָמפּ געהט לאַנגזאַם אויס, פון הינטערן פענסטער הערט מען ווי דאָס וואַסער גיסט זיך וואָס אַמאָל שטילער שטילער).

—וועט די מאַמעשו זיצען בײַם פענסטער אין פינסטערן לאַנד, אין פינסטערן לאַנד. פינסטער איז אַרום און אומעטום... פון דער-ווײַטען ווײַזט זיך אַ ליכטיגער שטראַנד, אַ ליכטיגער שטראַנד, דאָרט איז דאָס ליכטיגע לאַנד, דאָס ליכטיגע לאַנד. (פויזע) דאָרט זיצט דער טאַטע בײַם פענסטער אין ליכטיגען לאַנד, ליכטיג איז אַרום און אומע-טום, פון דערווײַטען קוקט אַהער אַ פינסטערער שטראַנד, דאָרט איז דאָס פינסטערע לאַנד... דאָס פינסטערע לאַנד... —

— און דו קינד לעבען, דו וועסט שטעהן אויף די גרענעץ פון ליכטיגען און פינסטערן לאַנד, און וועסט נישט וויסען וואו זיך צו ווענדען, וואו זיך צו קעהרען. אין ליכטיגען לאַנד האָסט דו דעם פאָ-טער זיצען, אין פינסטערן לאַנד האָסט דו די מאַמע זיצען.

(אַ לאַנגע פויזע, דאָס ליכט געהט אויס, אויף די סצענע איז גאַנץ טונקעל, פון אַ ווײַטע שטוב הערט זיך אַ טרויעריג האַלב אויסגעהענדע שטימע

אַ ק ו ל ה י נ ט ע ר ד ע ר ס צ ע נ ע (לײַענט קריאת שמע): געלויבט ביסט דו גאָט, אונזער גאָט און גאָט פון אונזערע עלטערן, וואָס דו טהוסט וואַרפען אַ שלאָף אויף מײַנע אויגען און אַ דרימלונג אויף מײַנע לעפּלען, און עס זאָל זײַן בעוויליגט בײַ דיר, אַז דו זאָלסט מיך מאַכען שלאָפען מיט פריעד, עס זאָלען מיך חלילה נישט איבערשרעקען קײַן שלעכטע חלומות און קײַן שלעכטע געדאַנקען..

(דאָס קול ווערט פערשטומט. אויף דער סצענע איז פינסטער און שטיל, פון

אונטער די פענסטער הערט זיך נור דאָס שטילע געוויש פון גיסענדען וואַסער זעהר לאַנגזאַם און שטיל.

דוד׳ס (שלוכצענדע האַלב פערשטיקטע שטימע): מנוחה, און דו זאָלסט זי מיר געבען, (פויזע, שטילער) אין אַלעם פערגעסען, (שטיל) שלאָפען... שוויַיגען... (אַ לאַנגע פויזע).

רחל׳עס (שטימע, שטיל): קום דוד, (פויזע) קום... (פויזע) קום...
(טריט הערען זיך איבער דער סצענע אַ טהיר קלאַפּט אויף, אַ טהיר קלאַפּט צו).

(אַ לאַנגע פויזע)

(פאַר די פענסטער זעהט מען פלוצלונג אַדורכגעהן דעם שטאָדט שמש מיט אַ לאַמטערן אין האַנד).

דער שמש (זינגט מיט אַ טרויעריגער ערנסטע שטימע):

שטעהט אויף
שטעהט אויף
יודעלעך,
כשר׳ע יודעלעך
פרומע יודעלעך
שטעהט אויף
שטעהט אויף

ל־ע־בו־דת ה־בו־רא".

(דער קול ווערט פערשטומט ווייט אין געסעל. פויזע).

(די טהיר געגען איבער דער סצענע עפענט זיך, עס ווייזט זיך

ר׳ זרח (אַ הויכער אַלטער יוד, אין וויַיסע זאָקען, דעם קאָפּ בעשיט מיט אש, אין אַ לאַנגער שוואַרצער קאַפּאָטע, האַלט אַ ליכט אין דער האַנד, זעצט זיך אין אַ ווינקעל שטוב ביי אַ שאַנק ספרים אויף דער ערד, שטעלט פאַר זיך דאָס ליכט און זאָגט אויס דעם סדור מיט אַ טרויעריגער אָבער זיכערער שטימע, אקצענטירענדיג יעדעס וואָרט): אויף די טייכען פון בבל זענען מיר געזעסען און געוויינט, אַז מיר האָבען זיך אין ציון ערמאַהנט, אויף די ווייַדענבוימער דאָרט האָבען מיר האַרפען אויפגעהאַנגען, דעמאָלט האָבען אונזערע פייַניגער פערלאַנגט מיר זאָלען זיי זינגען: „זינגט אונז פון ציון׳ס ליעדער". ווי קענען מיר גאָט׳ס ליעדער זינגען אויף פרעמדע ערד? אַז איך וועל דיך פערגעסען ירושלים זאָל מיר מיין רעכטע האַנד

וויָרען פערגעסען · זאל מיר מיין צונג צו מיין גומען ווערען צוגעקלעבט אז איך וועל דיך נישט ערמאהנען ביי דער ערשטער פרייד מיינער · געדענק דו גאָט צו אֶדום'ן דעם טאָג פון ירושלים, געזאָגט האָט ער : מיר וועלען געהן אונ מאַכען אַ תל פון אַלעם ... דו טאָכטער בבל ! געלויבט זאָל דער זיין וואָס וועט דיר בעצאָהלען וואָס דו האָסט אונז געטהון, געלויבט זאָל זיין דער וואָס וועט דיינע קינדער חאַפּען און אויף די פעלזען צושמעטערן" ··

דוד (גיט אַ פּראַל אויף די טהיר אונ רייסט זיך אין שטוב אריין, מען זעהט ווי רחליה האַלט איהם צוריק) : לאָז מיך (רייסט זיך אַרויס געהט צו צום אַלטען, מיט אַ זיכערער שטימע) : שוועֶר !

ר' זרח (זאָגט וויַטער נישט־געמערקט) : פרעמדע זענען געקומען אין דיין געצעלט, האָבען טמא געמאַכט דיין בית־המקדש··

דוד (העכער) : שוועֶר, איך האָב אייך עפּעס צו זאָגען ·

ר' זרח (הויבט אויף דעם קאָפּ, קוקט אָן דוד'ן) : דוד, וואָס איז ?

דוד (ערנסט אונ וויכער) : איך געה אַוועק פון דאַנען ·

ר' זרח (נעמט אַראָב די ברילען, קוקט איהם צומישט אָן, אונ פערוואונדערט) : ווי הייסט, דוד ?

דוד : איך האָב מעהר נישט קיין אָרט צווישען אייך ·

ר' זרח : וואָס ? (הויבט זיך אויף) וואָס ? ווי הייסט ?

דוד : די תורה וואָס איך האָב דאָ געלערנט קען מיר שוין נישט בעגנוגען, איך מוז מיר געהן זוכען אַ אַנדערע תורה ·

ר' זרח (אויפשרייענדיג) : וואָס ? וואָס רעדסט דו ?

דוד : איהר זענט צו אַלט פאַר מיר · אייער תורה איז אַ אַלט ליעד ... אונ איהר ווילט זי וויַטער זינגען צווישען פרעהליכע רעבענ־דיגע געזאַנגען ? אייער תורה איז פאַר אייך פאַר אַלטע טויטע מענשען, וואו האָט איהר אַ תורה פאַר יונגע ? פאַר די וואָס קומען אָן ? האָט איהר פאַר זיי אַיין ליכטיגען שטראַהל אויף וואָס צו האָפען ? איהר ווילט זיי וויַטער לייכטען מיט אייער קליין פערראויכערט לעמפּעל, ווען גאַנצע הימלען שיטען בונדען ליכטיגע שטראַהלען און בעלויכ־טען די וועלט ?

ר׳ זרח (לעהנט זיך אָן אין אַ שאַנק ספרים, קוקט אויף דוד׳ן): דאָס ביסט דו?

דוד: דאָ אין דער פינסטער, צווישען די ספרים האָט איהר מיין נשמה געפאַנגען אונ געשטיקט... די וועלט וואָס קוקט אריין דורך אונזער פענסטער האָט איהר מיר פרעמד און וויט געמאַכט... צו דעם וואַסער וואָס גיסט זיך הינטער אונזער פענסטער... דאָרט וויט צום וואלד וואָס לאַכט אַהער צו די וועלט אין דרויסען האָט מיין הארץ געצויגען... אונ איהר האָט דאָס פון מיר בעהאַלטען, פערהוילען, און דאָ צווישען פוילע פערשטויבטע בלעטער האָט איהר מיך געהייסען לעבען, און איך האָב געלעבט... מיט דעם גמרא נגון האָב איך זיך געוואָלט פערזינגען, פערגעסען, דענסטמאָל ווען איך האָב שוין לאַנג דעראינען נישט געגלויבט. איך האָב נישט געקענט, — עס איז שווער צו נעמען אַ לעבען און בעגראָבען עס... אין הארץ האָב איך אַ לעבען... מען קען נישט... פרעגט דאָס וואַסער אין דרויסען וועט עס אייך ערצעהלען: שעה׳ן לאַנג בין איך ביים וואַסער געשטאַנען, יעדע פאַלע האָט מיין וואָרט געחאַפּט און איז דערמיט אַוועק־געשוואוּמען צו טראָגען מיין ליעד אין דער וועלט. גענוג, איך קען מיך מעהר אונ וויל מיך מעהר נישט גענאַרען.

ר׳ זרח (האַקט איהם איבער): גענוג, יאָ, געה וואו דו ווילסט געהן. מיר שטעהען נישט נאָך אַזאָלכע יודען... אונזער גאָט דאַרף נישט אַזאָלכע יודען. מיר זענען צו אַלעם געוואוינט.

דוד: נישט ווי קיין גנב האָב איך מיך פון אייך געוואָלט אַרויסגנב׳נען. ניין. פריי אונ אָפען וויל איך געהן פון פינסטער אין ליכט. עס האָט זיך אין מיר אַ קראַפט ערוועקט... אַ ליכט איז געפאַלען אויף מיינע אויגען... און איך זעה אייך ווי קליין איהר גרענעצט זיך אָב אין אייער טויט וועלטעל אונ איך געה אַוועק פון אייך אָפען און פריי, מיר אַ נייעם וועג אויסטרעטען... פאַר איהם דעראינען (ער וויזט אויף די טהיר פון זיין צימער), יאָ, איך פיהל אַז ערגעץ וואו וואַרט אויף מיר אַ לעבען אונ אַ וועלט, אונ איך געה מיר זוכען אַ גאָט און אַ תורה.

ר׳ זרח (רוקט זיך אָב אין אַ זייט; קאַלט): דעם גאָט וואָס דו וועסט דיר געפינען וועסט דו איהם פערלירען און אויף זיין קבר וועסט

דו דיר אנ'אנדערן גאָט אויפשטעלען... אונ ווי העמדער אויפ'ן לייב אזוי וועסט דו דיינע געטער טוישען, אָבער ביי קיין איינציגען וועסט דו נישט בלייבען.

ד ו ד: דער גאָט וועט מיין נשמה, מיין תוך זיין, קיין נשמה טוישט מען נישט, קיין תוך.

ר' ז ר ח: דיין תוך האָסט דו פערלוירען. אין וואָס דו האָסט געגלויבט האָסט דו אויפגעהערט צו גלויבען, וועסט וועלען, וועסט וועלען — אָבער נישט קענען... וועסט דיך גענארען און די גאנצע וועלט גענארען...

ד ו ד: ניין, —

ר' ז ר ח (האַקט איהם איבער): דעם הימעל איבערן קאָפּ האָסט דו פערלוירען, אונ די ערד הינטער דיינע פיס. ווי א שאָטען וועסט דו ארום־וואנדלען, בלאָנדזשען און וועסט דיר א גאָט זוכען... וועסט דיך בוקען צו דעם וואָס אין דיין הארץ וועט עס לאנג שוין טויט זיין. געטער וועסט דו זוכען און טוישען וועסט דו זיי, האנדלען וועסט דו מיט זיי, צו יעדערן וועסט דו דיך צוחאפּען, פערשפּרייטען זיין אמונה — ווען אין הארצען דיינעם וועט ער שוין לאנג טויט זיין... און דענסטמאָל וועסט דו צו אלע געטער דיענען און קיין איינציגער וועט דיינער נישט זיין. אין אלע לענדער וועסט דו וואנדלען אונ קיין איינם וועט דיינם נישט זיין. אין אלע שפּראַכען וועסט דו רעדען און קיין איינע וועט דיינע נישט זיין. מיט געפיהלען וועסט דו האנדלען... טוטלען הארץ וועסט דו אויף דיינע הענד ארום־טראָגען פון טהיר צו טהיר, פון מענש צו מענש. נו גענוג.. א גאָט ווילסט דו דיר בעשאַפען, אויף וואָס פאַר א יסוד, וואו האָסט דו די אמונה?

ד ו ד: איך וויל גלויבען, איך פיהל וואָס עס וועט קומען איבער מיר...

ר' ז ר ח: דאָ האָסט דו שוין גאָר נישט וואָס צו זוכען...

(דוד געהט ארויס מיט הארטע טריט, רחל'ה ווייזט זיך אין טהיר, לויפט איהם נאָך מיט'ן קינד אויפ'ן האַנד).

ר ח ל' ה: דוד! דוד! (דוד קוקט זיך נאָך אום).

ר' ז ר ח (האַלט איין רחל'הן): שטעה, דיין מאַן איז געשטאָרבען (דוד קלאַפּט די טהיר נאָך זיך) קומט וועל איך אייך קורע זיין.

(ער נעמט אַ מעסער און שניידט איין רחל'הן דעם קאַפּטען, דעם קינד דאָס העמדעל, זיך די קאַפּאָטע אין פּעטלע): ווען אַ גדול שטאַרבט דאַרפען זיך אַלע יודען קורע זיין (ער זעטצט זיך אויף דער ערד, צו רחלה'ן): זעץ דיך שבעה נאָך דיין מאַן (רחלה זעצט זיך אויף דער ערד, זי דריקט פעסט דאָס קינד צו זיך און הויבט אָן ביטערליך צו וויינען, דאָס קינד ציטערט און וויינט אויך).

הינדעל (וויזט זיך אין טהיר אין אַ שוואַרץ טוך איינגעהילט, אויפגעהויבען פון שלאָף, קוקט זיך פערוואונדערט און ערשראָקען אום): וואָס איז דאָ פאַר אַ אונגליק געשעהן?

ר' זרח (נעמט דעם סדור אין האַנד, זאָגט ווייטער פון סדור, זיצענדיג אויף דער ערד, און ליינט זיך מיט'ן ליכט) געדענק גאָט וואָס איז געוואָרען פון אונז, זעה אונזערע שאַנד. אונזערע אַרב איז אַוועק אין פרעמדע הענד (אויסציהענדיג יעדעס וואָרט): אונ־זע־רע קינ־דער אין פרעמ־דע הענד . . .

(פאָרהאַנג לאַנגזאַם)

# צווייטער אקט.

דאָס זעלבע צימער פון ערשטען אקט; אָנהויב ווינטער, נאָך מיטאָג, דורך די פענסטער זעהט זיך די האלב פערפרוירענע ווייכסעל.

די האנדלונג קומט פאָר מיט זיבען יאָהר שפּעטער ווי אין ערשטען אקט.

---

זרח (שטאַרק געעלטערט; זיצט פערטראַכט איינגעהויקערט אין ווײַן פאַטערשטוהל ביי אַ אָפענע גמרא).

הינדעל (שטעהט ביים אויווען און וואַרעמט זיך; עפענט דאָס טהירל פון אויווען, גיסט אָן פאַר'ן אַלטען אַ גלאָז טהע און דערלאַנגט עס; רעדט ווי פאַר זיך אין דער וועלט אַרײַן): טאַטע איינציגער, וואָס וועט זײַן? — און וואָס איז עס זײַן געשעפט? — איהם געהט עס עפּעס אָן? —

זרח (נישט אַרויסקוקענדיג פון ספר): צו מיר רעדסט דו? — יאָ, הינדעל?

הינדעל: איך ווייס?

זרח (פערוואונדערט): געגען וואָס זאָגסט דו עס, הינדעל?

הינדעל: געגען וואָס איך זאָג? — דיך געהט עס גאָרנישט אָן — דו זיצסט זיך, האָסט דיר דײַן גמרא, און ווײַטער — פּטור, און דריגען דאָרט (ווײַזענדיג מיט'ן פינגער אויף רחל'הס צימער) זיצט זיך אַ יונג ווײַבעל, אַ וויסטע עגונה, — — זיבען יאָהר שוין, זיבען פינסטערע יאָהר.

זרח: און וואָס זאָל איך טהון?

הינדעל: וואָס דו זאָלסט טהון? — —

ז ר ח: און טאַקי וואָס זאָל איך טהון?

ה י נ ד ע ל: אייך מאַנספּערשוינען איז וואויל: האָט אייך גאָט געגעבען אַ גמרא, האָט איהר עגמת־נפש, טונקט איהר זיך אין די גמרא אַיין, — אָבער אונז, אונגליקליכע ווייבער, אין וואָס זאָלען מיר אונזער עגמת־נפש פערגעסען? — —

ז ר ח (הויבט זיך אויף פון אָרט, פערדעקט די גמרא מיט'ן שנופּ־טוך, געהט אויף און אָב איבער'ן צימער).

ה י נ ד ע ל (נאָכגעהענדיג איהם): זיצט זיך אַנ'עגונה, זעקס און צוואַנציג יאָהר אַלט אינגאַנצען... די בעסטע יאָהרען פערגאַנגען אין וויסטעניש... זרח, דו קענסט עס נישט פיהלען, דו ביסט נור אַ טאַטע, איך אָבער — אַ מאַמע, אַ אומגליקליכע מאַמע... זי רעדט נישט קיין וואָרט, אַ שטומע שאָף... שעמט זיך... אָבער איהרע אויגען רעדען... גענומען אַ יונגען בוים און אויסגעריסען אין מיטען בליהען... אַ קליינינקייט מיינסטו, זי איז דאָך אַ יונג ווייבעל — —

ז ר ח (ע'שראָקען): וואָס, זי האָט אין איהם נאָך נישט פערגעסען?

ה י נ ד ע ל: איך ווייס? — אודאי אַזוי... זי בענקט נאָך איהם.

ז ר ח (שטעלט זיך אָב צורודערט): פון וואַנען ווייסט דו עס? — זי האָט עס דיר געזאָגט?

ה י נ ד ע ל: זי רעדט נישט... זיין נאָמען טאָר מען נישט דערמאַהנען פאַר איהר... פון בשעת יענע נאַכט, ווען ר' אליעזר האָט איהר געזאָגט, אַז ער האָט איהם אין וואַרשא געזעהן מיט פריצעם... נור איהרע אויגען רעדען... דערמאַהנט ווער זיין נאָמען — ווערט זי רויט און בלאַס... די מאַמעס מילך ווערט געראונען אין איהר... זי בענקט נאָך איהם... אַ יונג ווייבעל, אַ יונגער בוים, עס וויל בליהען, עס וויל לעבען...

ז ר ח (קרעכצט אָב): טאַטע איינציגער..

ה י נ ד ע ל: טהייל מאָל פאַלט זי מיר פּלוצלונג אויפ'ן האַלז און הויבט אָן צו וויינען — ווערט מיר דאָס האַרץ צושניטען; דאָס וויינט זי נאָך איהם... (פּויזע) אַ קליינינקייט מיינסט דו, אַ ווייבעל אַ רויז, זיצט שבת ביי טאָג קוקט אַרויס פון פענסטער אין גאַס.., מעדרעך,

ווײַבל'עך שפּאַציִרען אויסגעפּוצט, שטראַהלענדיג, נחת'דיג לכבוד שבת... יעדע האָט איהר היים, איהר מאַן, — און זי איינע אַליין זיצט אין שטוב בײַ'ם פּענסטער, — אַ קלײנינקײט מײנסט דו?...

**זרח:** מיר האָבען געטהון דאָס אונזעריגע... איך האָב איהר געזאָגט דאָס וואָס אַ טאַטע דאַרף צו זאָגען זײַן קינד בײַ אַזאַ סיבה... וואָס קען איך מעהר טהון? —

**הינדעל** (מיט פערצווייפלונג): וואָס זשע וועט דער סוף זײַן? ס'לויפט אָב אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ וואָך נאָך אַ וואָך, און זי זיצט פערחושכ'ט...

(אין שטוב ווערט האַלב טונקעל, פון דרויסען הערט זיך אין־שוהל־קלאַפּען צו מנחה).

**זרח:** הינדעל, איך געה אין בית־המדרש אַרײַן דאַווענען — זאָג רחל'הן, אַז זי זאָל אַרײַנקומען צו מיר נאָך מנחה איך דאַרף מיט איהר עפּעס צו רעדען. (אָב)

**הינדעל** (נעמט דאָס גלאָז אַראָב פון טיש, רופט צו דער טהיר פון רחל'הס צימער): יחזקאל'ע. יחזקאל'ע! שוין צײַט צוריק אין חדר אַרײַן צו געהן ס'ווערט נאַכט. (אָב צו זיך אין צימער).

רהל און יחזקאל'ע קומען אַרײַן פון זייער צימער.

**יחזקאל'ע** (אַ יונגעל פון אַ יאָהר צעהן, שלאַנק, לאַנגע געקרײַזעלטע פּאה'לעך, אין אַ סאַמעטען היטעלע, אין אַ ווײַס אויפגעקנעפּעלט פעל־צעל, — קומט אַרײַן צו לויפען קוויטשענדיג): נו? —

**רחל:** נאַרעלע, וועסט דאָך געפרווירען ווערען, אין דרויסען איז קאַלט.

**יחזקאל'ע:** נײַן מאַמעשו, אין דרויסען איז גאָר נישט קאַלט.

**רחל** (איהם אָנטהוענדיג אַ שאַל אויפ'ן האַלז): שווײַג, נאַרעלע. שווײַג, — אַז דו וועסט פאָלגען די מאַמעשו, וועסטו זײַן, מיט גאָט'ס הילף, געזונד און שטאַרק, וועסט בה האָבען צו לערנען, די הײליגע תורה צו פערשטעהן — —

**יחזקאל'ע** (מיט שטאָלץ): אַודאי פערשטעה איך נישט! מ'האָט אָנגעהויבען אַ נײַעם שיעור, קען איך שוין די גמרא, — כ'קען בעסער פאַר אַלע חברים, — ווילסט הערען, מאַמעשו? ווילסט הערען?

ר ח ל (זיך ארומקוקענדיג אויב ס'איז קיינער נישטאָ) : אָט אַזוי האָט זיך די מאַמעשו ליעב, זעהר ליעב ! (קושט איהם).

י ח ז ק א ל ' ע (רייסט זיך אַרויס פון דער מוטערס האַנד, רייבט זיך אָב מיט'ן אַרבעל די באַק) : אָבער ווילסט הערען, מאַמעשו ? (געהט צו צו דער ספרים־שאַנק) וואו איז דאָ די גמרא בבא מציעא — — אַהאַ אָט איז זי (גיט אַ שפרונג, חאַפּט אַראָב די גמרא) אָט באַלד (געהט צו צו'ם טיש, מישט אויף און לערנט מיט אַ גמרא־נגון) שנים אוחזין בטלית — צוויי מענשען האַלטען אַ קלייד, זה אומר אני מצאתיה — דער זאָגט, איך האָב עס געפונען, וזה אומר — און דער זאָגט, איך האָב דאָס קלייד געפונען, — וואָס טהוט מען ? — איז דער דין — יחלוקו . . .

ר ח ל (פאַר זיך) : זיין קול . . . אין זיינע יאָהרען האָט אויך געמוזט זיין שטימע אַזוי אָבקלינגען ... אַזוי האָט זיין קול געקלונגען דענסטמאָל ... דענסטמאָל, ווען איך בין הינטער דער טהיר געשטאַנען ... (אין פאַנטאַזיע) וואו ביסט דו ? — קום אַהער, הער ווי דיין קינד לערנט ...

י ח ז ק א ל ' ע (ערשראָקען) : צו וועמען רעדסטו, מאַמעשו ?

ר ח ל : ניין, ניין (פאַלט אויפ'ן קינד אַרויף קושענדיג) : מיין קינד, מיין לעבען, מיין איינציג קינד ...

י ח ז ק א ל ' ע (זיך נאָך אַמאָל אויסרייסענדיג און אָבריייבענדיג דעם קוש ; מיט פאַרוואורף) : דער רבי האָט געזאָגט, אַז מען טאָר זיך נישט לאָזען קושען פון קיין אשה.

ר ח ל (איהם ווייטער קושענדיג) : נאַרעלע, אַ מאַמע איז קיין אשה נישט, — ס'איז דאָך אַ מאַמע, אַ מאַמע מעג —

י ח ז ק א ל ' ע (רייסט זיך ווידער אַרויס און רייבט זיך גוט אָב דעם קוש מיט'ן אַרבעל) : אפילו פון דער מאַמע נישט !

ה י נ ד ע ל (קומט אַריין, מיט אַפּאָר שטיקלעך ברויט מיט שמאַלץ אין פאַפּיר איינגעוויקעלט און אַ לאַמטער'ל, דערלאַנגענדיג יחזקאל'ען) : נו פלינקער שוין, יחזקאל'ע, שוין שפעט — נו היידאַ אין חדר אַריין.

י ח ז ק א ל ' ע : דער רבי האָט געהייסען ברענגען אַ זעקסער אויף נאַפט —

ה י נ ד ע ל (זוכט אין קעשענע ; קרעכצט) : אוי, אוי די רבי'ם, די רבי'ם . . . (גיט איהם אַ זעקסער).

**יחזקאל׳ע**: און איך וויל אַ צווייער אויף לעקאַך.

**הינדעל** (גיט איהם): נו, היידאַ שוין!

**רחל**: וואַרט נור וואַרט (נעמט אַרויס פון אויווען אַן׳עפּעל, גיט איהם, פערריכט איהם דעם שאַל, קושט איהם).

**הינדעל** (ציהט איהר ביי׳ם אַרבעל): גענוג שוין, גענוג שוין, — נו, געה — — זאָלסט געהן אין אַ זייט, מען זאָל דיך נישט, חלילה, איבערפאָהרען, הערסט? — און זאָלסט דיך נישט דערוועגען צו גליטשען, הערסט? — און נישט דאָס ברויט די חברים צוטהיילען, — געהערט?

**יחזקאל׳ע** (מיט אַ פול מויל פון איינגעביסענעם עפּעל): געהערט, געהערט. (בייסט דעם עפּעל אָבגעהענדיג).

**הינדעל**: און אַ ברכה האָסט דו געמאַכט איבער׳ן עפּעל?

**יחזקאל׳ע** (ווי פריהער): געמאַכט, געמאַכט...

**הינדעל**: געה מיר לחיים ולשלום... (בעלייט איהם אַרויס).

**רחל** (מיט טרעהרען אין די אויגען): מיין איינציג קינד... (אין שטוב איז שוין האַלב פינסטער; פון דרויסען בלאַנקט דורך די פענסטער דער שנעע; זי געהט צו צום פענסטער, קוקט אַרויס. פויזע. פאַר זיך): עס געהט איינשלאָפען דער טייך... שטיל איינשלאָפען וויל ער... בעהאַלטען זיך אונטער די שווערע ווייסע שנעע־דעקע... אָט וויעגט זיך נאָך זיין שוים... דער פראָסט הויכט איבער איהם... דער ווינד בלאָזט איבער איהם... שלאָפט איהם איין... בעדעקט איהם מיט לייכטען, לייכטען שנעע... ווי אין ווייסע תכריכים הילט ער איהם איין... שטיל וועט ער שוין זיין... נישט לויפען, נישט יאָגען פון עק וועלט ביז צו עק וועלט... שלאָפען וועט ער שוין רוהיג אונטערן קאַלטען אייז אין די ווייסע תכריכים... ער ברומט נאָך... ברעכט נאָך די דינע שויבעלעך איבער זיך... נאָר עס הויכט דער פראָסט איבער איהם... עס וויעהעט דער שנעע איבער איהם — און געלאַסענער ווערט ער, און שטילער ווערט ער... וויעגט זיך פאַמעליך, פאַמעליך... (פערחלום׳ט) ווען דו ביזט אַוועק האָט דער טייך זיך געוויעגט... געבראָכען דעם אייז־דעק איבער זיך... געלאָפען... געיאָגט פון איין עק וועלט צו דעם אַנדערן... ש־ש־ש... איצט, דער טייך געהט צוריק איינשלאָפען... דער ווינד זינגט איהם אַ שלאָף־ליעדעל איין...

הינדעל (קומט צוריק, געהט צו צום אויווען, וואַרעמט זיך): קאַלט. (פויזע) אַ שווערער ווינטער זיין... אַ רחמנות אויף די אָרעמע לייט, נעבאַך... (קלאַפּט אַריין דורך דער וואַנד אין דער צווייטער שטוב): חנה, חנה! לעג צו אַ פּאָר שטיקלעך האָלץ, דער אויווען איז קאַלט. (עס הערט זיך דאָס האָלץ־קלאַפּן פון דער צווייטער שטוב; פויזע) רחל'ה, גיי אַוועק פון פענסטער — וועסט דיך נאָך, חלילה, פאַרקיהלען.

רחל (ענטווערט נישט).

לאַנגע פויזע. פון בית־המדרש וואָס איז געגען איבער דער טהיר פון דער סצענע, הערט זיך אַ חזן „קדושה" זאָגען. דער עולם ענטווערט איהם אָב; הינדעל דערהויבט זיך פון איהר אָרט, שטעלט זיך צו מזרח־זייט און זאָגט מיט אין דער שטיל קדושה.

רחל (נאָך אַ לאַנגע פויזע): האָסט מיר געזאָגט, אַז דער טאַטע דאַרף מיך, — צו וואָס דאַרף מיך דער טאַטע?

הינדעל: ער האָט מיט דיר עפּעס צו רעדען. (פויזע. פּלוצלינג, ווי פאַר זיך): אַז גאָט וויל קאָן ער אַלץ נאָך גוט מאַכען אַלץ איז אין גאָט'ס האַנד... (קוקט אויף רחל'ען, וועלכע זיצט מיט'ן קאָפּ אַראָבגעלאָזט): אוי רחל'ה, רחל'ה, קענסט דיך נאָך חלילה, אין גאָט פאַרזינדיגען — (רחל שווייגט) וואָס, דו ענטווערסט מיר צומאָל נישט?

רחל (ווי פאַר זיך): וואָס זאָל איך דיר ענטווערן?

הינדעל: האָסט מיר גאָר נישט צו זאָגען?

רחל: וואָס זאָל איך דיר זאָגען?

הינדעל: דו מיינסט, איך פאַרשטעה שוין גאָרנישט, — זיצסט און שווייגסט—גאָר נישט, תמיד שווייגסט דו, און מיר ווערט דאָס האַרץ צושניטען... — גלייך ס'איז שוין, חס ושלום, קיין בורא עולם נישטאָ... — גלייך אָהן יענעם איז שוין פאַר דיר קיין זווג נישטאָ... אוי, אוי אוי... רחל'ה, קענסט דיך, חלילה, פאַרזינדיגען — כ'האָב עס ערשט היינט געלייענט: שלמה המלך האָט אַ מאָל געוואָלט גאָט אויספּרובען, האָט ער גענומען אַ מעדעלע פון דער טאַטעס ברוסטען אַוועק, און אין אַ וויסטען מדבר אַוועקגעשיקט וואו קיין מענשענס פוס האָט נאָך נישט געטרעטען, וואו קיין פויגעל האָט זיך נאָך נישט בעוויזען... האָט דאָס מעדעלע אין אַ גלעזערנעם שטיבעלע אַריינגעזעצט, און האָט אַ פויגעל אָנגעזאָגט,

עס זאָל פאַר'ן מעדעלע פון מלך'ס טיש עסן ברענגען. — וואָס טהוט גאָט? — האָט גאָט אַ שטורם־ווינד אויפ'ן ים געשיקט, אַ שיף איז צושמעטערט געוואָרען — און איהר חתן, וואָס איז געווען איהר זווג, האָט זיך אויף אַ ברעט אַרויפגעחאַפּט, און דער ווינד האָט איהם צו איהר אינזעל געפיהרט. — די קלאַמקע איז נאָך נישט צוגעפאַלען... ביי גאָט איז אַלעס מעגליך...

רחל: איך האָב שוין אָבער מיין זווג געהאַט און איהם פערלוירען —

הינדעל: וואָס, דו געדענקסט נאָך אין איהם?..

רחל (שטיל): איך ווייס נישט, מאַמע.

הינדעל: אַזוי, איז שוין אַלעס ריכטיג.

זרח (קומט אַריין פלוצלונג פון בית־המדרש): הינדעל! צינד אָן די לאָמפּ.

הינדעל: דו ביסט עס, גוט, (צינדט אָן די לאָמפּ): איך בין פאַר איהר צו נאַריש — (אָבגעהענדיג; צו רחל'הן) זאָל ער מיט דיר רעדען (אָב).

רחל (אָב נאָך דער מוטער).

זרח (דרעהט זיך אויף און אָב איבערן צימער; קלאַפּט אָן מיט'ן פינגער אויף רחל'ס טהיר): רחל'ה, זיי נור מוחל —

רחל (קומט אַריין): וואָס וויל דער טאַטע?

זרח: זעטץ דיך, איך האָב מיט דיר עפּעס צו רעדען. (רחל'ה זעצט זיך) איך האָב מיך מיט דיר געוואָלט אויסשמועסען, (פויזע) דו בעהאַלטסט דיך פאַר מיר... איך ווייס דו טראָגסט אַ בעז הארץ אויף מיר... מיינסט מיט אַנ'אמת אַז דיין טאַטע איז אַזאַ...

רחל: טאַטע וואָס רעדסט דו — —

זרח: איך ווייס פאַר וואָס... נור מיינסט באמת, אַז ביי מיר אין הארץ, למשל, ליידּ איך נישט מיט דיר צוזאַמען, — און נישט נור מיט דיר — דו ביסט דאָך מיין קינד... נור אויך פאַר איהם... ער איז אויך מיין קינד געווען... די גמרא זאָגט: „ווער עס לערנט מיט עמיצען תורה, איז גלייך ווי ער וואָלט איהם געבוירען". מיט דוד'ן האָב איך תורה געלערנט, — פיעל האָב איך אויף איהם געהאָפט... איך האָב געמיינט אַז ער וועט ווייטער ציהען

דעם אור התורה — איך האָב געמיינט ... נור געגוג ... מיינסט טאַקי ...

ר ח ל (וויינט אַרוים) : טאַטע, רעד נישט אַזוי צו מיר.

ז ר ח : און זיי ווייסען, אַז שולדיג דעריגען איז קיינער נישט, — נישט איך, נישט דו, ער אַליין — אויך נישט, הערסט — ע ר אויך נישט! ער האָט אָנגעהויבען צו קלערען, מחשבות צו האָבען ... גאָט ברוך הוא וויל אָבער אמונה ... אמונה ליגט אין האַרץ, נישט אין מח, און קשיות איז פאַרהאַן אַ סך ... מיר, מיר זענען אָבער יודען ... מיר האָבען געמוזט טהון אונזער חוב ... פערפאַלען ... און ווי נישט טייער עס זאָל אונז קאָסטען — פאַר דעם זענען מיר יודען ... ווער עס געהט אַראָב פון יודישען וועג, דער איז מעהר נישט אונזער קינד — פאַר דעם זענען מיר יודען ...

ר ח ל : אָבער וואָס זאָל איך יחזקאל'ען זאָגען, אַז ער פרעגט מיך וואו זיין טאַטע איז? אַלע קינדער אין חדר האָבען טאַטעס, ער איינער — נישט ... נישט אין דר'ערד, נישט אויף דר'ערד — —

ז ר ח : נישט פון דעם רעד איך איצט — דאָס לאָז מ י ר איבער. און ווידער אַרום, זאָג איהם דעם אמת — גלייכער דו זאָגסט עס איהם: זיין פאָטער איז ערגעץ וואו אַוועק, ווייסט אַליין נישט וואו ... אַז ער וועט עלטער ווערן, וועט ער שוין אַליין פערשטעהן. (פויזע. שטעהט אַ ווײַלע אויף און געהט אויף און אָב איבער'ן צימער) נור נישט וועגען דעם האָב איך געוואָלט רעדען ... (שטעלט זיך פּלוצלינג אָב) נור, זאָג מיר, רחל'ה, זאָג מיר דעם אמת: האָסט דו נאָך ליעב דוד'ן דיין מאַן?

ר ח ל (בויגט אַראָב דעם קאָפּ און שווייגט)

ז ר ח : איך ווייס, ער איז דיין מאַן ... עס איז נישט אַזוי לייכט ... ביסט צוגעבונדען צו איהם ... איך וועל דיך נישט איצט אָנרעדען, אַז דו זאָלסט איהם אויפהערען צו ליעבען ... איך זעה עס איז פאַרפאַלען ... מיר וועסט דו זאָגען עפּעס אַנדערש, מחמת מורא, און אין האַרץ וועסט דו קלערען עפּעס אַנדערש ... נור מיר איז אַ שאָד דיינע יונגע יאָהר וואָס געהען אַוועק אין וויסטעניש ... מאַך דיר אַ חשבון הנפש אַליין, און זאָג דיר אין דיר אַליין: ביסט דו נאָך צוגעבונדען צו איהם?

ר ח ל : איך ווייס נישט —

זרח: נאָך דעם, ווי ר׳ אליעזר האָט דיר ערצעהלט פון איהם?
רחל: איך ווייס ניִשט —
זרח: און אז ער וועט קומען און זאָגען דיר: קום מיט מיט מיר — דאָרט אין זיין גוי׳ישקייט... וועסט דו מיטגעהן מיט איהם?
רחל: איך ווייס נישט —
זרח: אין דיין יודישקייט פערגעסען, — און חלילה פון אלעם אוועקטרעטען, טאָבטער — ?
רחל (שווייגט).
זרח (קרעכצט אָב): און אז ער וועט קומען נאָך יחזקאל׳ען, איהם מיטנעמען מיט זיך אין דער וועלט אריין... מאַכען מיט איהם וואָס ער וויל — — ?
רחל (האַסטיג): ניין, דאָס נישט! איך וועל איהם דאָס קינד נישט געבען, חס ושלום... עס איז מיין קינד, מיין קינד...
(עס הערט זיך פלוצלונג א קלאַפּען אין טהיר; זרח און רחל קוקען זיך ביידע אָן פע־וואונדערט און ערשראָקען).
זרח: ווער איז?
(מען ענטווערט נישט. רחל געהט צו, עפענט פאַמעליך און מיט שרעק די טהיר).
דוד (קומט אריין, שטעלט זיך אָב אויף דער שוועל; ער טראָגט קורצע אָבגעטראָגענע קליידער; די באָרד אָבגעגאָלט; דאָס געזיכט איז מיעד און פער־עלטערט. רחל קוקט אויף איהם נישט ערקענענדיג)
דוד (שאַרף): רחל׳ה׳
רחל (ערקענענדיג איהם, אויפגערעגט, לויפט מיט א האַרץ־געוואַלד צו דער טהיר פון דער מוטער): מאַמע! מאַמע! מאַמע!
זרח (געהט צו צו דוד׳ן): דוד?
דוד: יאָ, דאָס בין איך.
זרח (קאַלט): צו וואָס ביסט דו געקומען, צו דיין ווייב און קינד?
דוד: איינענטליך, ווי צו אייך אויך.
זרח: ווי הייסט צו מיר? — האָסט דו דען נישט דיין וועג געפונען?

ד ו ד: אַ וועג אַז מען פֿערליערט — געפֿינט מען שוין נישט קיין אַנדערן וועג.

הינדעל (באַוויַיזט זיך אין טהיר): דוד דו ביסט עס? — דוד!

ז ר ח: הינדעל, מיר האָבען עפּעס צו רעדען — —

הינדעל (אַרויסגעהענדיג צוריק מיט פֿערבראָכענע הענד): דאָס איז דוד! דאָס איז דוד!? (אָב).

ז ר ח: ווי הייסט צו מיר?

ד ו ד: נישט אַזוי ווי צו אייך מיין איך, נור צו דעם וואָס איך האָב דאָ פֿערלוירען, דאָ צווישען די שענק... גלויבען קען מען נור איין מאָל צו דעם וואָס מען גלויבט! איך בין אין דער וועלט געגאַנגען מיין נשמה האָב איך צובראָקעלט, צוטהיילט אויף שטיקלעך, יעדעס שטיקעל האָב איך אַנ'אַנדערן נאָמען געגעבען... נאָמען — דאָס זענען וועקסלען אויף געפֿיהלען... איך האָב מיט וועקסלען געהאַנדעלט... און אַלע האַנדלען מיט נאָמען... נור נישט וועגען דעם בין איך געקומען צו אייך... פֿערפֿאַלען, איך וועל שוין נישט קענען מיין האַרץ איינשלאָפען מיט אייער גמרא ניגון... — דאָס וואָס ס'איז דאָ אין שטוב, (וויַיזט אויף די ספרים-שענק) האָב איך מיר אַליין צובראָכען... — דאָס וויים איך על כל פנים... (פּויזע; פֿעסט): איך בין געקומען נאָך מיין וויַיב און קינד

ז ר ח (מיט פּחד): ווי הייסט, ווילסט דו דען יחזקאל'ען מיטנעמען מיט דיר? — וואָס פֿאַר אַ אמונה וועסט דו איהם געבען?

ד ו ד (רוהיג): איך בין איהם נישט מחויב קיין אמונה צו געבען. איך וועל איהם נאָר איבערגעבען, דאָס וואָס איך וויים, — דאָס איבריגע, זאָל ער אַליין געוואָהר ווערען.

ז ר ח: ניין, מיר וועלען נישט לאָזען, מיר זענען יודען, מיין טאָכטער איז אַ יודישע טאָכטער, זי וועט מיט דיר נישט געהן!

ד ו ד: דאָס וועלען מיר זעהן —

ז ר ח: זי איז אַנטלאָפען פֿון דיר... דו האָסט זי אָבגענאַרט... זי וויל פֿון דיר נישט וויסען... זי וועט מיט דיר נישט מיטגעהן.

ד ו ד (געהט צו צו דער טהיר וואו רחל איז אַריין; רופֿט): רחל'ה, דיין מאַן איז צו דיר צוריקגעקומען — איך וואַרט דאָ אויף דיר — —

(פּויזע).

**ז ר ח**: זי ענטפערט דיר נישט.

**ד ו ד** (זוי פריהער): זאל איך אוועקגעהן? — דוד דיין מאן איז געקומען און ווארט אויף דיר —

**ר ח ל** (ווייזט זיך אין דער טהיר, וועלכע זי עפענט גאנץ פאמעליך אויף, שטעלט זיך אין א זייט און ווארט אראבקוקענדיג צו דער ערד).

**ד ו ד** (צו זרח'ן): שוועהר, איך האב עפעס מיט מיין ווייב צו רעדען —

**ז ר ח** (שטרענג): זי איז טאקי דיין ווייב — אבער איך בין א יוד איך שטעה אויף דער וואך... איך וועל נישט לאזען קיין יודישע נשמה אריינפאלען אין גוי'עשקע הענד!

**ד ו ד** (צו רחל'ען): יעצט איז געקומען די מינוט וואס דו מוזט אויסקלייבען צווישען מיר און דיין טאטען — איינעם פון די ביידע וועגען: דא ביי דיין פאטער האסט דו דעם גלייכען וועג, דעם וועג פון אונזערע אבות, וואס איין דור גיט איבער דעם צווייטען די יודישע אמונה; איך — קען דיר דאס נישט געבען, דאס האב איך מיר אליין צושטערט; איך בין אין דער וועלט געגאנגען איהם זוכען, אין אנדערע וועגען — איך האב גאר נישט געפונען... איך האב אין די ביכער געזוכט, אין א נ ד ע ר ע ביכער געזוכט, דאס וואס איך האב אט דא (ווייזט אויף די ספרים-שענק) אין די ביכער פערלוירען... איך האב געלערנט, געגלויבט, מיט פרייד געגלויבט אין מיין לערנען... איך האב דיך געזעהן פון דערווייטען פון מיין צימער, ווי דו זיצסט איינע אליין מיט מיין קינד און ווארט'סט אויף מיר, און אין מיר איז אזא מאכט געווען... אין מיר איז אזא גלויבען געווען... נור מיט אמאל, איך ווייס נישט ווי אזוי עס איז געקומען, האב איך דיך מעהר נישט געזעהן... דו ביסט נישט געווען ביי מיר, דו האסט נישט געגלויבט מעהר אין מיר... און עלענד האב איך זיך געפונען אויף מיין איינזאמען וועג... און פערלאזט... איך האב מעהר נישט געגלויבט אין מיר, און אין דעם אלעם וואס איז ארום מיר... און ווי קליין האט זיך מיר אלץ אויסגעוויזען... און צו וואס? האב איך מיך אליין געפרעגט... צו וואס גראבלען, זוכען?... צו קליין זענען אונזערע טעג, אז מען זאל פאר זיי זיך א ציעל זוכען... איך בין מיעד.. אין דיין שוים וויל איך מיין מיעדען קאפ בעהאל-

טען, דו זאָגסט מיר צו'ם שלאָף איינזינגען... איך וועל אין אַלעם פערגעסען... איך גלויב נור אין דיין ליעבע צו מיר... און איהר וויל איך מיין לעבען געפינען... — ווילסט דו נישט מיטגעהן מיט מיר, רחל'ה?

**רחל** (צו דוד'ן נעהנטער): צו ווייט ביסט דו געוועזן, דוד, פון מיר, צו ווייט און צו לאַנג... אין מיר איז עפּעס אָבגעשטאָרבען פון דיר... (שטאַרק) פון דיר פיהל איך אַ גערוך פון אַנ'אַנדער לייב... צווישען דיינע פינגער זעה איך האָר פון אַנ'אַנדערע... צו ווייט ביסט דו געוועזן פון מיר... אין מיר איז עפּעס אָבגעשטאָרבען פון דיר... (זי טרוקעט זיך פון איהם)

**דוד** (געהט צו איהר נעהנטער צו און קוקט זי אָן).

**רחל** (ווי זי וואָלט זיך באַהאַלטען אונטער דעם פאָטער'ס רוקען): באַהאַלט מיך פון איהם טאַטע —

**זרח** (שטעלט זי בײַ דער האַנד; מיט אַ פריידען־געשריי). דו ביסט אַ יודישע טאָכטער!

**דוד** (צו'ם ארויסגעהן)

**רחל** (רייסט זיך פלוצלונג ארויס פון פאָטער'ס האַנד): אָבער ניין איך ליעב דיך אַזוי ווי דו ביסט! נעם מיך מיט, דוד... נעם מיך, טראָג מיך ווייט אַוועק מיט דיר... איך ליעב דיך אַזוי ווי דו ביסט... טאַנץ מיט אַנדערע... קוש דיך מיט אַנדערע — איך ליעב דיך... איך געה מיט מיט דיר... (פאַלט אויף איהם אַרויף)

**זרח** (לויפט צו צו איהר): געדענק אין גאָט!

**רחל** (אויף דוד'ס האַלז): לאָז ער מיך שטראָפען, לאָז ער מיר פּייניגען, — איך ליעב איהם... איך געה נאָך איהם...

**זרח**: און דיין קינד, רחל'ה?

**רחל** (קלעהרט אַ ווײַלע; צו דוד'ן): ניין! מיין קינד גיב איך נישט... מיך נעם... מיין נשמה איז אין דיין האַנד... טהו מיט מיר וואָס דו ווילסט — נור מיין קינד גיב איך דיר נישט... ער איז אַ יוד...

**זרח**: געלויבט איז השם יתברך — איין נשמה אָבגעראַטעוועט!

(פון דרויסען הערט זיך אַ טהיר קלאַפּט אויף, אַ טהיר קלאַפּט צו).

**יחזקאל'ע** (פערשנייט, מיט'ן לאַמטער'ל אין האַנד, רעדט נאָך ווען ער איז הינטער דער סצענע): מאַמעשו, מאַמעשו, דער רבי האָט געזאָגט

אַז איך קען בעסער דעם שיעור... (קומט אַריין, דערוועהענדיג אַ „פּרעמדען מענש", האַקט ער אָב צו צו דער מוטער, קוקט אויף איהר פֿער־וואונדערט).

רחל (ווײַזענדיג אויף דוד'ן) דאָס איז דײַן טאַטע, יחזקאל'ע.

יחזקאל'ע (וואַרפט אַ בליק אויף דוד'ן), טרעט אָב דערשראָקען האַלב וויינענדיג): מאַמע, איך וויל נישט אַזאַ טאַטען...

דוד (ווײַזענדיג אויף יחזקאל'ען): ער קומט אליין!

(פאָרהאַנג ראַש).

**ענדע.**

# דער זינדיגער.

# פֶּערְזָאנֶען:

דֶער רָב פוּן שְׁטָאדט
עֶרְשְׁטֶער דַיָּן
צְווייטֶער דַיָּן
דֶער גַבַּאי פוּן חֶבְרָה־קַדִישָׁא
אַ עֶלְטֶערֶער גְרֶעבֶּער
אַ יוּנְגֶערֶער גְרֶעבֶּער
עֶרְשְׁטֶער פוּן עוֹלָם
צְווייטֶער פוּן עוֹלָם
דְרִיטֶער פוּן עוֹלָם
פִירְטֶער פוּן עוֹלָם
דֶעם רָב'ס שַמָש
אַ פְרוֹי אִין אַ שְׁווַארְצֶען שְׁלֵייעֶר
אַ מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיגֶער
יוּדֶען, ווַייבֶּער, יוּנְגְווַארְג.

די האַנדלונג קומט פאָר אין אַ קליין יודיש שטעדטיל.

די מצֵבֶה שטעלט פאר א קליין שטעדטילדיג בית־עולם, ארומגערינגעלט מיט א נידריגען אלטען הילצערנעם פלויט. דא און דארט שטייגען ארויס נידריגע אבער געדיכט בעוואקסענע ביימער. אין זייערע שאטענס באהאלטען זיך אין הויך־בעוואקסענעם גראז — האלבע מצבות. אין מיטען בית־עולם א אוהל, ארום מיט ביימער בעוואקסען; ביים אוהל שטעהט א יוד און דאווענט אין דער שטיל. רעכטס אקליין האלב־איינגעפאלען הייזעל מיט צוויי אָרעמע פענסטער אויפ'ן בית־עולם ארויס. הינטערן הייזעל א ברייט שווארץ טויער. פאר'ן טויער שטעהען צוויי הויכע שווארצע קלעציגע בעהאנגען מיט בלעכען, אויף וועלכע עס איז אויסגעשריבען „ויהי־נועם" און „אל מלא רחמים". פאר'ן הייזעל, צווישען האלב איינגעזונקענע שטיינער, פיטערן זיך ציגען, אנגעבונדען מיט שטריק צו פלעקליך וואס זענען אריינגעקלאפט אין דער ערד. פאר דער טהיר פון הייזעל, ביי א אלטען אראבגעריסענעם מטה־וואגען, זיצט דער שטאדט מרה־שחורה'ניק, אין א צוריסענע קאפאטע, ארויפגעווארפען אויף זיין נאקעט ברוין אבגעבריענטען קערפער, און גלאצט מיט די אויפגעריסענע אויגען אויף איין ארט... אויף יענער זייט פלויט שלענגעלט זיך, ווען מען, א שווארצער וועג צווישען גרין־בעוואקסענע פעלדער. ווייט ביים פלאמענדיגען זון־אונטערגאנג טרעטען ארויס קלאר אין דער לופט דעבליך פון הייזער און א הויכער שפיץ פון דער קירכע. אויף דער זייט פלויט פון בית־עולם שטעהען דער עלטערער און דער יונגערער גרעבער און גראבען א גרוב. ביים גרוב ליגען ברעטער אויף א „אוהל". לינקס טיעף מצבות און ביימער.

# ערשטע סצענע.

עלטערער און יונגערער גרעבער גראבענדיג.

---

### דער ייִנגערער גרעבער.

— געקומען זיין צייט אויף, אזוי לאנג געהט דער קרוג צו׳ם וואסער.

### דער עלטערער גרעבער.

— מיר האבען שוין געזעהן אזעלכעס אויך. אט דער וואס ליגט דארט ביים פלויט אין שכנות מיט׳ן געהאנגענעם, איז נאך מעהר בריה געווען פאר איהם.

### דער יונגערער גרעבער.

— יום־כפור אין דער צוקערניע געזעסען, געפרעגעלטע הינער־לעך אין פוטער געגעסען.

### דער עלטערער גרעבער.

— די ווערם אין גרוב מהנה צו זיין.

### דער יונגערער גרעבער.

— א טלית צו דער טהרה אפילו נישט געפונען.

דער עלטערער גרעבער.

— ער איז דאך א בחור געוועזען.

דער יונגערער גרעבער.

— מיט עפעס דארט איינער געוואהנט, א גוי'ה צו א יודיש קינד? דאס גוטע יאהר וויים זי, א ווייב צו א קאבאנקע.

דער עלטערער גרעבער.

— זיין זכות זאל מיר נישט בייסטעהן.

דער יונגערער גרעבער.

— צו דער טהרה האט זי שמעקענדיגע זייף געבראכט, אז מען זאל איהם מיט שמעקענדיגער זייף וואשען.

דער עלטערער גרעבער.

— אז די נשמה איז נישט ריין, וואס וועט דיר, מישטיינס געזאגט, דער זינדיגער גוף העלפען.

דער יונגערער גרעבער.

— חברה נושאי־מטה האבען זיך אבגעזאגט דעם מת ארויס־צוטראגען. זי האט פיער טרעגערס געדונגען (ער שיט אוים די שויפעל ערד, עס פאלט ארוים א ביין פון א סקעלעט).

דער עלטערער גרעבער.

— זעה דאכט זיך עצמות (ער הערט אויף צו גראבען וויטער, נעהט בעקוקט אין דער נאהנט דעם ביין).

דער יונגערער גרעבער.

— עצמות. (ער בלייבט שטעהן מיט'ן שפאדעל אין דער האנד און קוקט אויפ'ן אלטען).

דער עלטערער גרעבער.

— עצמות. מען מוז זיי צוריק צושיטען. (ווי בעשיטען דעם קבר).

דער עלטערער גרעבער.

— דער בית־הקברות רוקט זיך, דא האט אמאל געמוזט דער ארט זיין, היינט איז עס ביים פלויט, היינט בעגראבט מען דא גע־האנגענע און גנבים. דער ארט פערגעסט זיך און מען רוקט דערנאך דארט דאס פלויטעל אריין, די מצבות זינקען איין מען זעהט נישט קיין קבר אן.

(עס הויבט אן טונקעל צו ווערען, א קאלטער ווינד בלאזט צווישען די בוימער. אויפ'ן שווארצען וועג פון יענער זייט פלויטעל, זעהט מען ווי מען קומט מיט דער לויה אן. פיער טרעגער טראגען די מטה. נאך דער מטה געהט נאך א פרוי אין שווארצען אנגעטהון, פערהאנגען דאס געזיכט אין א שווארצען שלייער. א ביסעל ווייטער געהען איינינגע נייגיריגע יונגע לייט, בחורים און חדר־יונגלעך, צווישען זיי דער גבאי פון דער חברה־קדישא א יוד אין מיטעלע יאהרען, א האריג שווארץ־בעוואקסען פנים מיט א פאר ברייטע, געדיכטע שווארצע ברעמען. זיי געהען אין קופקעלעך און רעדען צווישען זיך אין דער שטיל)...

דער יונגערער גרעבער.

— מען געהט שוין מיט'ן בר־מינן.

דער עלטערער גרעבער.

— מען מוז ווארטען אויפ'ן גבאי (זיי שטעלען זיך קוקען אריבער דורכ'ן פלויט און ווינקען מיט די פינגער).

ד ע ר  ג ב א י

(אריינשטעקענדיג דעם קאָפּ אויפ׳ן בית־עולם פון יענער זייט פּלויט).

— וואָס, נאָך נישט פאַרטיג?

ד ע ר  ע ל ט ע ר ע ר  ג ר ע ב ע ר.

— עצמות זענען געווען. מע האָט דעם קבר פערשאָטען.

ד ע ר  ג ב א י.

— עצמות... (אָבגעהענדיג פון פּלויט). פון וואַנען קומט דאָ אהער עצמות?...

---

## צווייטע סצענע.

די גרעבער, דער גבאי, די פרוי אין שווארצען, אנ'עולם.

---

(דער שווארצער טויער ביים הויז עפענט זיך מיט לארעם, פיער טרעגער טראגען אריין אויף די אקסלען די מטה, שטעלען זי אנידער פאר די קלעצער. מען נעהמט אראב דעם „גולל". עס ווייזט זיך ארויס דער מת הינטער א שווארצער טוך, פון וועלכע עס שטארען ארויס צוויי פיס און דער קאפ, די פרוי אין שווארצען שטעלט זיך איהם צוקאפענס, בעהאלטענדיג דאס געזיכט אין די הענד, און שוויגט... די טרעגער ווילען אננעהמען די מטה. עס דערהערט זיך דעם גבאי'ס קול פון דערוויטען: שטעהט! שטעהט! דער עולם אין קופקעלעך שטעהט פון דערוויטען, קוקט אויפ'ן מת און אויף די פרוי און שמועסען צווישען זיך אין דער שטיל, עטליכע מינוט איז שטיל).

### איינער פון עולם.

— דער מת ווארט אויפ'ן קבר, א גוטער סימן.

### א צווייטער פון עולם.

— אפילו דער גיהנם איילט זיך איהם נישט צוצונעהמען

(מען סושקעט זיך אין די אויערן. די פרוי אין שווארצען געהט צו, וויל דעם מת דאס שווארצע טוך פון געזיכט אויפדעקען).

### דער גבאי.

(פון דערוויטען).

— לאזט נישט, מען טאר נישט.

דיַ פרוי אין שוואַרצען.

(פוילִיש).

— לאָזט מיך איהם נאָך אַמאָל אָנקוקען.

דער גבאי.

(פון דערוויטען אויף יודיש).

— מען טאָר נישט.

(די פרוי שטעלט זיך ווי פריהער צוקאָפּענס, שווייגט).

איינער פון עולם.

— ווער איז זי?

אַצווייטער פון עולם.

— זי איז מיט איהם פון אויסלאַנד געקומען, מען ווייס נישט אַוויַיב, אָדער אַ קאָכאַנקע, אַ יודיש קינד אָדער אַ גוי'ה, קיינמאָל נישט אין שוהל געווען, און להבדיל נישט אין תּפלה געגאַנגען.

אַדריטער פון עולם.

— זי וועט זיין קדיש נאָך איהם.

דער גבאי.

(צו די גרעבער, ווייזענדיג אויף אַ קבר, ביים פלויט).

— פּרובט דאָ גראָבען.

דער עלטערער גרעבער.

(נעהמענדיג דעם שופעל).

— ביים געהאָנגענעם.

## דער יונגערער גרעבער

— שענע שכנים זיין. (פאלגט דעם אלטען און מען נעמט זיך גרעבען).

## איינער פון עולם.

— א שענער כבוד פאר'ן מת.

## אצווייטער פון עולם.

— אזוי ווי ער האט עם פערדיענט.

## אדריטער פון עולם.

— ער זאל נאר געדענקען זיין נאמען, ווען דער מלאך־דומה וועט איהם פרעגען, ווי ער הייסט.

## אפיערטער פון עולם.

— פוילישׁ וועט ער רעדען צו איהם.

## נאך איינער.

— ער וועט איהם מכבד זיין מיט א שבת'דיגען פאפיראס.

## אאנדערער.

— מיט א געבראטען היהנדעל אין פוטער.

## דער אלטער יוד ביים אוהל.

— לאזט געמאך, ער איז דאך שוין סיי ווי סיי טויט.

## אטהייל פון עולם.

— צו לאכען פון א טויטען!

(דער עולם שווייגט, וואו נישט וואו הערט מען זיך סורען).

ד ע ר   י ו נ ג ע ר ע ר   ג ר ע ב ע ר.

— מײַן לאַפּעטע גליטשט זיך צו װײַך אין דער ערד אַרײַן, אַזױ װי עס װאָלט גאָר קײן ערד נישט געװען.

ד ע ר   ע ל ט ע ר ע ר   ג ר ע ב ע ר.

— איך האָב מורא, אַז...

ד ע ר   י ו נ ג ע ר ע ר   ג ר ע ב ע ר.

(הערט אױף צו גראָבען).

— איך װעל נישט װײַטער גראָבען.

ד ע ר   ע ל ט ע ר ע ר.

(נאָכטהוענדיג).

— איך אויך נישט.

ד ע ר   ג ב א י.

(בעמערקענדיג פון דערװײַטען).

— װאָס איז?

ד ע ר   י ו נ ג ע ר ע ר   ג ר ע ב ע ר.

— איך פיהל װי מײַן לאַפּעטע װאָלט זיך אָן אַ מענשענס לײַב אָנגעריהרט...

(צװישען עולם װערט אַ בעװעגונג, מען רינגעלט אַרום די גרוב).

ד ע ר   ג ב א י.

(אָנטהוענדיג זיך אַ פּאָר מעשענע ברילען, װעלכע ער נעהמט אַרױס פון אַ הינטער־קעשענע).

— װאָס קען דאָס זײַן?

(דער עולם שווײַגט, קוקט איינער אויפ'ן צווייטען מיט שרעק, וואַרטענדיג אויף עפּעס. פּלוצים גיט פון דעם גרוב אַשפּריץ אַרויס אַ שטראָם וואַסער, אויפרעגונג. אַ לאַנגע שטילע פּויזע).

**איינער פון עולם.**

(מיט שרעק).

— די ערד וויל איהם נישט צונעהמען.

**אַ צווייטער פון עולם.**

— אַפילו דער גיהנם האָט פאַר איהם די טהויערן פערשלאָסען.

**אַ דריטער פון עולם.**

רבונו של עולם, ווי גרויס מוזען זײַנע חטאים זײַן.

(דער עולם רוקט זיך אָב פון מת, איהם איבערלאָזענדיג מיט דער פרוי „אין שוואַרצען" אַליין. זי שטעלט זיך אויף די קניע פאַר דער מטה, און בעהאַלט איהר געזיכט אין שוואַרצען טוך. מען לאָזט איהר טהון וואָס זי וויל, אָבקעהרענדיג זיך פון זיי. אַ לאַנגע פּויזע. עס ווערט נאַכט. דאָ און דאָרט זאָגט מען צווישען עולם אין דער שטיל: וואָס וועט זײַן? וואָס וועט זײַן?)...

**דער גבאי.**

— לאָז מען געהן נאָכ'ן רב.

**די גרעבער.**

— לאָז מען ברענגען די שטאָדט'ס לאַמטערן. עס ווערט פינסטער.

עס הערט זיך אָבגעהענדיגע טריט).

**איינער פון עולם.**

— וואָס טהוט מען?

**דער גבאי.**

— מײַן עצה איז צו גראָבען אַ קבר פאַר'ן מת, בײַ ר' יודלען

**דער עלטערער גרעבער.**

— בײַ ר' יודעל ל"ו'ניג?

**צווישען עולם.**

— בײַ ר' יודלען אַ קבר, פאַר איהם?

**דער גבאי.**

— אין ר' יודעל'ס זכות וועט דער מת צו קבורה קומען. בײַ ר' יודעל'ס קבר וועט קײַן וואסער נישט זײַן. פון גיהנם אפילו קענען די רשעים נישט אַרויסגעהן, סײַדען נאָר מען מוז אַ צדיק דורכפיהרען; די רשעים האַלטען זיך אין צדיק אָן און קומען אין זײַן זכות אַרוים פון גיהנם.

**צווישען עולם.**

— ר' יודעל'ס כבוד?

**דער גבאי.**

— ר' יודעל האָט נישט מקפיד געווען אויף זײַן כבוד בחייו, מכל שכן נאָך זײַן טויט.

**דער עלטערער גרעבער.**

— איך וועל מיך נישט וואַגען געהן גראָבען בײַ ר' יודעל'ס קבר. (לעגט אַוועק די לאָפּעטע).

**דער יונגערער גרעבער.**

— איך אויך נישט.

### דער גבאי.

(גארטעלט זיך ארום אין א גארטעל, געהט צו צו א נידריגען שטיין, וועלכער שטעהט אין אווינקעל, הינטער א בוים, הויבט זיך אן צו שאקלען און זאגט).

— עס איז גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם, אז נישט מחמת פחיתת־הכבוד ווילען מיר דעם מת מקבר זיין אין זיין שכונה; מיר האבען א מת־מצוה, און מיר ווייסען נישט וואס צו טהון. מיר ווילען מגלגל זיין חיב על ידי זכאי...

(ער נעמט דעם שויפעל און הויבט אן צו גראבען דעם קבר. א שטילע פויזע).

### איינער פון עולם.

— אט איז ר' יודעל'ס שטיין, אויף וועלכען ער איז פערציג יאהר געלעגען במסתרים און תורה געלערנט.

### א צווייטער פון עולם.

— דער שטיין איז געווארען אויסגעריבען אין מיטען פון דארען האלז, וואס איז געלעגען אויף איהם פערציג יאהר.

### א דריטער פון עולם.

— נאכ'ן טויט האט מען איהם דעם שטיין אויף א מצבה געשטעלט.

### איינער פון עולם.

— אין דער שכונה ביי ר' יודלען, פאר וואס קומט עס איהם די זכיה?

### א צווייטער פון עולם.

— ער האט געמוזט איין מצוה אין זיין לעבען טהון, נעהמט ער אב דעם שכר אויף דער וועלט.

אויפ'ן וועג, פון יענער זייט פלויט, זעהט מען פון דערווייטען, ווי עס פינקלען זיך לאמטערנעס אין דער פינסטער. עס קומען וואס אמאל נעהנטער קופקעס יודען אין שווארצע קאפאטעס, ווייבער אין טיכער איינגעהילט, בחורים מיט לאמטערנעס אין די האנד. קומען אריין אויפ'ן בית־עולם. פרעגענדיג איינער דעם צווייטען אין דער שטיל: וואס איז געשעהן? וואס איז געשעהן? דערזעהענדיג דעם מת מיט דער פרוי אין שווארצען שלייער, דערשרעקען זיי זיך, שאקלען זיך אב, געהען זיך צו־זאמען מיט קופקעליך ביי'ם קבר און ווארטען. פויזע).

## דער גבאי.

(הערט אויף פלוצים צו גראבען).

— רבותי, איך פיהל, ווי מיין לאפעטע קלאפט אן אין עפעס זעהר הארטעס. די לאפעטע קען ווייטער אין דער ערד נישט ארא־געהן.

## טהייל פון עולם.

(מיט שרעק).

— רבונו של עולם!

## אנדערע.

— וואס וועט מען מיט'ן מת טהון?

## אקול פון עולם.

— לאז מען ווארטען אויפ'ן רב.

## א צווייטער.

— לאז מען שיקען נאכ'ן בית־דין.

א דריטער.

— אאומגליק אויף אלע אויסגעגאסען געווארען, טאטע אין הימעל!

דער גבאי.

— גיט אהער א לאמטערן, לאז מען זעהן וואס איז אין קבר.

דער עלטערער גרעבער.

— איך וואלט נישט געהייסען.

דער גבאי.

(קריכט ארויס פון גרוב, נעהמט א לאמטערן, געהט צוריק, קריכט אראב, שארט די ערד, שרייט ארויס).

— א שטיין ליגט.

אטהייל פון עולם.

— א שטיין!

איינער פון עולם.

— דער שטיין פון ר' יודעל'ס מצבה האט זיך געלעגט אין דער לענג און לאזט דעם מת נישט לעגען ביי ר' יודלען.

א צווייטער.

— די ערד וויל איהם נישט צונעהמען.

אטהייל פון עולם.

— וואס וועט מען מיט'ן מת טהון?

## אײנער פון עולם.

— שווײַגט! דער רב געהט.

(אויפ'ן וועג פון יענער זײַט פלויט ווײַזען זיך ליכטיגע, גרויסע לאַמטערנעס, צווישען ווי דרײַ אַלטע יודען מיט ווײַסע בערד, אין הויכע שטרײַמלען. דער מיטעלסטער, דער עלטסטער פון אַלע, געהט אָנגעלעהנט מיט איין האַנד אויף אַ שטעקען און די צווייטע האַנד האַלט ער אָנגעשפּאַרט אויף זײַן שמש, וועלכער האַלט אַ גרויסע לאַמטערנע. דער טהויער עפענט זיך, ווי קומען אַרײַן, געהען פערבײַ דעם מת, קוקען פערוואונדערט און דערשראָקען אויף די פרוי, וואָס קניעט. געהען באַלד אָב, קומען אָן צו'ם האַלב אויס־געגראָבענעם קבר, שטעלען זיך אַרום און הויבען זיך אָן מישב צו זײַן אין דער שטיל. מען הערט זיך סוד'ן.

דער עולם שטעלט זיך אַרום, שטעהט און שווײַגט).

## דער רב.

(נאָך אַ ישוב מיט די דײַנים ווענדט זיך צו'ם אַרום־שטעהענדיגען עולם).

— רבותי, מיר האָבען נגמר וגמר געוועזען אין דעם, אַז כדי דער מת זאָל קומען צו קבר ישראל מוז יעדער פון אונז אומקעהרען דעם מת אײנע פון זײַנע מצות אויף עולם ועד. איך גיב איהם אָב צוואַנציג ווײַטען „ברכות" פון מײַן צווייטען איבערחזר'ן ש"ס, גיט איהר אויך!

## דער ערשטער דיין.

— איך גיב אָב דעם מת איין קדוש השבת.

## דער צווייטער דיין.

— איך גיב אָב אַ תענית אין יום־כפור.

### ערשטער פון עולם.

— און איך אַ פּרשה חומש מיט רש"י.

### דער צווייטער פון עולם.

— איך אַ דערוואַכענדיג תפילת־שחרית.

### דער דריטער פון עולם.

— און איך קען איהם אָבגעבען אַ יום תהלים.

### דער רב.

— געַנוג! (צו די גרעבער) פּרובט גראָבען. (די גרעבער נעהמען זיך גראָבען, עס דערהערט זיך ווי די לאָפּיטע קלאַפּט זיך אָן אַ שטיין).

### דער עלטערער גרעבער.

— דער שטיין ריהרט זיך נישט פון אָרט.

(צווישען עולם ווערט שטיל. דער רב מיט די דיינים האַלטען זיך אַ עצה אין דער שטיל. אַרום און אַרום פאַלט אַ גרויסע מורא עס הערט זיך נאָר אַ שטיל שעפּטשען פון דער שווארצער קופּקע ביים קבר)

### פירטער דיין.

— טאָמער האָט דער מת מבייש געווען את אלה הצדיקים יהתמימים, וואָס רוהען הינטער די פליגלען פון דער שכינה?

(אַ שטילע פויזע).

### דער רב.

(ווענדט זיך צו די קברים, מיט אַ הייזעריג אָבגעהאַקטע שטימע)

— איהר וואָס טהוט רוהען הינטער די פליגלען פון דער

שכינה, טאַטער האָט אײַך דער מת מבייש געװען בחיין, בין איך אײַך מפייס אין נאָמען פון מת און אין דעם נאָמען פון כל ישראל, נעהמט איהם צו בשכונתכם. און איהר, ר׳ יודעל, װאָס איהר האָט נישט מקפיד געװען אויף אײַער כבוד בחייך, װעט איהר געװיס נישט מקפיד זײַן אויף אײַער כבוד במותך. לאָזט מגלגל זײַן חוב ע״י זכות און נעהמט דעם מת צו בשכונתך.

(דער עולם שװײַגט. אַ שטומע פויזע. פון דערװײַטען דערהערט זיך אַשטיל געװײן פון דער פרוי אין שװאַרצען בײַם מת).

## דער גבאי.

(צו די גרעבער).

— געהט אַראָב גראָבען (די גרעבער נעהמען די לאָפּעטעס און הויבען אָן צו גראָבען. עס הערט זיך אײַזען אָבקלינגען אין שטײן).

## דער עלטערער גרעבער.

— דער שטײן ליגט און ריהרט זיך נישט און װאו מען שטעלט די לאָפּעטע איז אַלץ שטײן דאָ?

(דער רב מיט די דיינים האַלטען אַ ישוב אין דער שטיל. עס הערט זיך אַ שעפּטשען. אַ שטילע פויזע).

## דער רב.

(װענדענדיג זיך צו דער ערד).

— אֲדָמָה, אַדְמַת כָּל חַי, װאָס אַלעס קומט פון דיר און געהט צו דיר, טאַטער האָט דיך דער מת מבייש געװען בחיין, בין איך דיך מפייס אין זײַן נאָמען, אין דעם נאָמען פון כל ישראל; נעם אַרײַן אין דיר דעם מת, װאָרום מעפר יסודו, פון דער ערד איז דעם מענשענס יסוד, ואל עפר ישוב, און צו דער ערד געהט ער צוריק,

(אַ שטומע פויזע. די גרעבער נעהמען זיך ווייטער גראָבען, עס דערהערט זיך באַלד ווייטער ווי די אייזערנע לאָפּעטעס קלינגען זיך אָב אָן שטיין

דער עלטערער גרעבער.

— דער שטיין ריהרט זיך נישט פון אָרט. (אַ טויט־שווייגען. פון דערווייטען הערט זיך אַלץ דאָס שטילע געוויין פון דער פרוי אין שווארצע.)

דער ערשטער דיין.

(נאָך אַ לאַנג שטיל שווייגען)...

— טאָמער האָט דער מת מבֿיש געווען הקדוש ברוך הוא.

דער צווייטער דיין.

— טאָמער געהערט שוין נישט דער מת צו דעם בית־הקבֿרות?

דער רבֿ.

(מאַכט אַ קליינעם ישובֿ הדעת).

— וואו איז דער בית־הקבֿרות־יוד?

דער עלטערער גרעבער.

— וואָס וויל דער רבי?

דער רבֿ.

— ברענג האַלץ, צינד אָן אַ פייער אויפ'ן בית־עולם, לעג אויפ'ן פייער זיבען ציגעל, (צום עולם) אַז די ציגעל וועלען פּלאַצען, איז אַ סימן אַז זיין יודישקייט איז געפּלאַצט... געהערט ער נישט צו דעם בית־הקבֿרות, דאַרף איהם נישט די ערד אין זיך אַריינעמען.

(מען ברענגט האָלץ, מען מאַכט פייער געגענאיבער דעם מת. אין

פײַער לעגט מען אַרײַן זיבען ציגעל, װעלכע דער גרעבער האָט געבראַכט, דאָס פײַער פלאַמט זיך, װאַרפט אַבלאַסק און בעלױכט דעם אַרומשטעהענדיגען עולם, װאַרפט אַ בלאַסק און בעלױכט דעם מת און די פרױ אין שװאַרצען, װעלכע קניעט בײַ מת. אַלאַנגע שטילע פױזע. עס דערהערט זיך פלוצים אַ קנאַק, אַ ציגעל צופּלאַצט.

### טהײַל פון עולם.

— געפּלאַצט.

### דער רב.

— דער ערשטער (אַ קנאַק, עס צופּלאַצט אַ צװײַטער).

### טהײַל פון עולם.

— געפּלאַצט.

### דער רב.

— ערשט דער צװײַטער.

(עס קנאַקט און עס צופּלאַצען די איבריגע ציגעל, צופּלאַצענדיג אַרום דעם פײַער, אױסער דעם לעצטען, װעלכער האַלט זיך אױס. צװישען עולם איז שטיל. דאָ און דאָרט רײַסט זיך אַרױס מיט שרעק: רבונו של עולם! טאַטע אין הימעל)!

### טהײַל פון עולם.

— טאַטע אין הימעל, װאָס האָט דער מענש געטהון?

### דער רב.

— נאָך אײנער איז געבליבען.

**טהײל פון עולם.**

ער שפּאַלט זיך. (פּויזע).

**אַצװײטער.**

— אין דער לענג און דער ברײט. אָט באַלד צופּאַלט ער (עס קנאַקט).

**טהײל פון עולם.**

(מיט שרעק).

— שוין!

**דער רב.**

— נאָך נישט געפּלאַצט. (פּויזע).

**אײנער פון עולם.**

— די שטיקער האַלטען זיך װי דאָס פײער װאָלט זײ צוזאַמענגעקלעפּט.

**ערשטער דיין.**

— אַ יודישע נשמה. נישט אַזוי לײכט געהט זי אָב פון יודישען װעג.

**צװײטער דיין.**

— געװיס אַודאי צרות אויסגעשטאַנען, ביז ער איז געקומען צו דעם.

**דער רב.**

— װי דער ציגעל אין פײער, אַזוי האָט זיך זײן נשמה געפּײניגט.

(דאָס פייער ברענט זיך אוים. עס בלייבען נאָך איבער גליהענדיגע העלצער, דער ציגעל בלייבט איבער גאַנץ. דער עולם שטעהט שטיל אַרום. דער רב מיט די דיינים געהען צו צום פייער, בע־טראַכטען דעם ציגעל. דער רב געהט צו צום אָפענעם קבר און זאָגט מיט אַ רוהיגער ערנסטער שטימע).

## דער רב.

— דו מוזט איהם ערד אין זיך אַריינגעהמען, ער איז איבער־געבליבען אַ יוד און געהערט דאָ, צו דעם בית־עולם, און איהר, מתים, בעל כרחכם מוזט איהר איהם צווישען אייך אַ אָרט געבען.

## דער גבאי.

(צו די גרעבער).

— גראָבט. (די גרעבער נעהמען די לאָפּעטעס גראָבען).

## דער עלטערער גרעבער.

— דער שטיין צופאַלט הינטער מיין לאָפּעטע.

## דער רב.

(צום שמש).

— געה אַהין צום מת און זאָג איהם: אַז ער איז ניט איהר מאַן און זי איז נישט זיין ווייב.

## דער שמש.

(גאַרטעלט זיך אַרום, געהט צו צום מת, שטעלט זיך אין די פיער איילען און זאָגט צו איהם)!

— דו ביסט נישט איהר מאַן, זי איז נישט דיין ווייב.

(עס געהט צו דער גבאי מיט איינעם פון עולם, נעהמען אָן די מטה און טראָגען אַוועק פון איהר. די פרוי אין שוואַרצען בלייבט

איבער קניענדיג אויף איהר ארט, מען נעהמט דעם מת אראב פון דער מטה און מיט דעם שווארצען לײלעך לעגט מען איהם אין קבר אריין. דער גבאי צובּרעכט א לעמענעם טאפ און לעגט די שארבען דעם מת אויף די אויגען און אויפ'ן מויל).

## דער גבאי

(צום מת).

— דײנע אויגען וואס האבען שלעכט'ס געזעהן, דײן מויל וואס האט שלעכט גערעדט.

(מען פערשיט דעם קבר, דער עולם געהט אב אײנציגווײז מיט די לאמטערנעס. איבערלאזענדיג דעם אלטען גרעבּער אלײן. דער גרעבּער בײ דער שײן פון זײן לאמטערנע און געגענאיבער דעם נאך גליהענדען פײער'ל, האקט אין נײעם קבר אריין א ברעטיל. מען זעהט ווי אויף יענער זײט פלויט געהט דער עולם אב מיט די לאמטערנעס אויפ'ן שווארצען וועג אין שטאדט אריין, דערווײטערנדיג זיך וואס א מאל מעהר. דער גרעבּער האט שוין אבגעטהון דאס זײניגע, שטעהט א מינוט בײם קבר און רעדט אריין).

## דער גרעבּער.

— תנוח בשלום על משכבך (ער געהט אב מיט זײן לאמטערנע).

(אויף דער סצענע ווערט פינסטער, עס גליהען נאך די קוים גליהענדע העלצער, און בײ זײער שוואכען שײן זעהט מען ווי די פרוי אין שווארצען געהט צו צום קבר מיט שטילע טריט און ווארפט איהר שווארצען שלײער אויפ'ן קבר נרויף, ווײט אויפ'ן וועג טוקען זיך קוים די ליכטלעך פון די אבגעהענדיגע לאמטערנעס).

דער פארהאנג פאלט לאנגזאם.

# אום ווינטער.

# פּערזאָנען:

**דבורה** אַ אַלמנה. אין די זעכציגער.

**ראַמאַ** די עלטערע טאָכטער. אַ יאָהר 32.

**יולקאַ** די יונגערע טאָכטער, אַ יאָהר 20.

**פרוי גרויסבערג** אַ איינגעהעריין, אַ שכנ׳טע. אַ יאָהר 40.

**יודעל** אַ אָרעמער יוד, אַ שכן. איינציגע און פערציג יאָהר.

**שפּרינצע** אַ קעכין.

**גאָלדבערג** אַ יונגערמאַן. (הינטער דער סצענע)

עס קומט פאר אין א קליין שטעדטיל, הינטער בערג,
אין ווינטער. די האנדלונג — ביי דבורה'ן, א אלט
פראווינציאל=אינטעליגענטיש הויז.

דין סצענע:

א לאנגע און אשמאלע שטוב פאר מיידלעך, אלט בעל=
בתיש. דאס מעבעל, וועלכעס איז אלט און אבגענוצט, בע=
שטעהט פון צוויי בעטען, אויף רעכטס פערהאנגען מיט ווייסע
קאלדרעס. פאר די בעטען צוויי שפיגלען. א אלטע ברייטע
קליידער=שאנק צווישען די בעטען. אויף לינקס צוויי פענסטער
אין דער העלפט מיט פארהאנגען פערהאנגען. פון די רעשט
שויבען קוקט אריין פון דערווייטען א הויכער בעשנעטער בארג.
צווישען די פענסטער — א אלטע קאמאדע בעדעקט מיט א גע=
שטריקט טישטוך און בעשטעלט מיט פערשידענע קלאשען,
פארצעלאן=טעלער א. א. וו. אויף דער וואנד איבער דער קאמא=
דע — א אלטער זייגער מיט וואגעס, שטעהט תמיד. אויף די
וועגד ארום — בעקלעפט מיט אילוסטראציעס פון אלטע בלעטער
און מיט גלעזערנע שאפקעס, אויף וועלכע עס זענען אנגעשטעלט
פערשידענע מיידלערישע שמאכטעס. בכלל איז צו פיהלען
דאס עדעלקייט פון דער פרוי. אויף רעכטס — א טהיר
אין סאלאן אריין. געגענאיבער די צושויער — א טהיר, בעהאנגען
מיט א ווייסען פארהאנג, וועלכע פיהרט פון דער אויסענ=
דיגער שטוב אריין. אביכל ווייטער צו רעכט'ס צו — אברייטער
אויווען מיט שווארץ אבגעשמירט, פאר'ן אויווען — א אלטע אב=
געזעסענע, קליינע קאנאפע, אויף וועלכער ראמא און יולקא
זיצען צוזאמען פערטהון אין לעזען.

א ווינטערדיגער טאג, פאר מיטאג.

פון די פענסטער קוקט אריין א חמארנער טאג.

דבורה.

(אַ בעיאַהרטע ערנסטע פֿרוי, פּענסנע אויף דער נאָז אין אַ שוואַרץ דיק קלייד, דרעהט זיך אויף און אָב איבער דעק שטוב, די הענד אַרונטער פֿערלעגט, פֿערטהון אין איהרע געדאַנקען).

ראָמאַ.

(אַ הויך=ערוואַקסענע, די האָר פֿערקעמט הויך אויפ'ן שטערן. די געזיכטציגע בײם מויל און אַרום די אויגען געקנייטשט, אין אַ שוואַרץ לאַנג קלייד, אַרומגעהילט אין אַ שווער טוך, זיצט אויף דער קאַנאַפּע, אין גאַנצען פֿערטהון אין לעזען).

יולקאַ.

(אַ יונג מיידעל, פֿון לעבען, אין אַ העלע בלוזקע, זיצט אויף דער צווייטער זײט קאַנאַפּע, לעזט און קוקט אַלע ווײלע אַרויס פֿון בוך).

(אַ לאַנגע ווײלע אין דערזעלבער פּויזע).

יודעל.

(אַ נידריג יודעל, אויסגעדאַרט, אין אַ לײכט צוריסען חאַלאַטעל, ציטערנדיג פֿאַר קעלט, קומט זיך אַרײן צו גנב'ענען, חאַפּט זיך צו צו'ם אויוועז הינטער די קאַנאַפּע און וואַרעמט זיך).

יולקאַ.

(וואַרפֿט אַרויס אַ בליק פֿון בוך; קוקט זיך פֿערוואונדערנדיג אום).

— אַהאַ יודעל...

(זי פֿערטיעפֿט זיך צוריק אין בוך).

דבורה.

(אויסדרעהענדיג זיך און דערועהענדיג יודלען).

— יודעל דא, נו: וואס הערט מען אין שטעדטיל?...

יודעל

(פון הונטערן אויווען).

— וואס זאל מען הערען? ווער עס האט צו עסען — עסט, דער וואס האט נישט — הונגערט.

דבורה.

— רעכט. (דרעהט זיך אלץ ווייטער איבער דער שטוב) און קיין פרנסה איז נאך אלץ נישט דא?

יודעל.

— ווער רעדט היינט פון פרנסה, אז מען קען נישט פון שטאדט ארויס, און מען קען נישט אין שטאדט אריין.

קא

(אויפהערענדיג צו לעזען).

— א שעהן לעבען וועט זיין —

דבורה.

— מען זאגט דאך, אז דער פריץ האט דעם גרויסען שליטען מיט פויערן געשיקט אוועג אויסצושניידען.

### יודעל.

— זיי קענען שוין לייט ווערען. ביי נאכט האט פון בארג אראב א ווינד געיאגט, דעם גאנצען שנעע אויפ'ן וועג פערשפרייט. זרח דארף'ס־געהער האט עס יעצט אין בית־המדרש דערצעהלט, געוואלט געהן אין דער פריה אין דארף אריין, ער איז שיער נישט אין שנעע פערטרונקען געווארען.

### יולקא.

— א שעהן לעבען וועט זיין.

(א לאנגע וויילע שטיל).

### שפרינצע.

(בעוויינענדיג זיך אין טהיר).

— וואס זאל איך קאכען אויף מיטאג?

### דבורה.

— זאל איך אזוי וויסען פון שלעכטס. (צו יולקען, וועלכע קוקט אין דער וועלט אריין). וואס זאל זי קאכען אויף מיטאג?

### יולקא.

— וואס געהט עס מיך אן! (זיך אבשאקלענדיג, און קוקט וויטער אין בוך אריין).

### דבורה.

— קאך וואס דו האסט אין דערהיים.

שפּרינצע.

— קאַרטאָפּעל?

דבורה.

— זאָל זיין קאַרטאָפּעל. (צו ראָמאַ'ן) דו ליבסט דאָך, דוכט זיך מיר, נישט קיין קאַרטאָפּעל?.

(ראָמאַ ענטפערט נישט, שפּרינצע אָב. פּויזע.)

(דבורה דרעהט זיך אַלץ וויטער ועהר לאַנגזאַם איבער דער שטוב אויף און אָב, די הענד פערלעגט אַרונטער. ראָמאַ זיצט פערטיעפט אין לעזען).

יולקא.

(גלאָצענדיג אין דער וועלט אַריין. פּלוצים אויפהאַפּענדיג זיך קוקט זיך אום).

— ווי שפּעט קאָן זיין? (קיינער ענטפערט איהר נישט, זי קוקט אויפ'ן זייגער). זייגערס האָבען זיי, שטענדיג שטעהען זיי.

(עס קומט אַריין פרוי גרויסבערג, אַ מאָגער הויך ווייבעל, דאַר און אויסגעטריקענט, די יונג פערגרויסטע האָר קוקען פון הינטער'ן שייטעל אַרויס. אויפ'ן שייטעל אַ שוואַרץ שלייפּעל, אין שוואַרצע — אַמאָל נגיד'ישע, היינט אָבגעלעבטע, בעל-הבתישע קליידער, אין גאַנצען אַ אויסקוק פון אַ אָבגעלעבטע בעל-הבית'טע, היינט אַ איינגעהערין אין בעל-הבתישע הייזער, רעדט מיט אַ געמאַכטען שמייכעל אויף די ליפּען).

פרוי גרויסבערג.

— גוט מאָרגען! זיצען זיך יונגע קינדערלעך ביי'ם אוועז, וואָס דען האָט מען צו טהון אין אַ קליין שטעדטיל? אין דרוי-

סען — א ווינטער, אין שטוב — אַ ווינטער... נו, דבורה, אַרײַנגעפאַלען צו איך.

דבורה.

(בעמערקענדיג די פרוי גרויסבערג בלייבט שטעהן אין מיטען שטוב, קוקט אַ מינוט אויף די טעכטער מיט שרעק. מיט אַ געמאַכטען שמייכלענדיגען טאָן).

— פרוי גרויסבערג! גוט וואָס מען זעהט אייך אַמאָל, נו, וואָס מאַכט איהר עפּעס גוטס?

פרוי גרויסבערג

(צוגעהענדיג צו'ם פענסטער).

— וואָס זאָל מען מאַכען? — אַ שלעכט וועטער אין דרויסען.

ראָמאַ.

(וואָס האָט זיך צו'ם ערשט בײַ פרוי גרויסבערג'ס אַרײַנקומען שטאַרק פערטיעפט אין לעזען, הויבט זיך נערוועז אויף פון איהר אָרט מיט אַ געמאַכטע רוהיגע מינע געהט צו צו דער קאָמאָדע, זוכט עפּעס, באַלד קומט זי צוריק אויף איהר אָרט, וואַרפט אַ בליק דורכגעהענדיג, אויף די רויט געוואָרענע יולקאַ, וועלכע זיצט פערטיעפט אין איהר בוך. ראָמאַ בלייבט אַ סעקונדע פערוואונדערט, זי הויבט אָן צו לעזען, ברומענדיג אַ ביסעל הויך, וואָס אַמאָל העכער, מיט אַ שאַרפען אַקצענט, צום סוף חאַפּט זי זיך אויף און לויפט אַב אַהן ווערטער אין טהיר פאָרנט, נאָכשלעפענדיג נאָך זיך איהר טוך, דאָס טוך פאַלט איהר אַראָב און בלייבט ליגען נאָך איהר אויף דער סצענע).

(אַ דריקענד שטיל־שווייגען. דבורה מאַכט זיך, ווי זי איז פערנומען מיט זיך. פרוי גרויסבערג קוקט אַרויס דורכ'ן פענסטער

און דערצעהלט פון וועטער ... יולקא לעזט, האפט זיך צום סוף
אויף און גייהט אב צו דער טהיר רעכטס).

### דבורה.

— וואס אנטלויפען זיי אזוי... וואס אנטלייפען זיי אזוי...

### פרוי גרויסבערג.

(געהט צו, צופט איהר ביים ארבעל).

— לאזט געמאך, בעסער אזוי.

### דבורה

(אויפגערעגט, קוקט זי אן, וויל איהר עפעס זאגען, פערשווייגט);

### פרוי גרויסבערג.

(מיט געמאכטען שמייכעל).

— איהר ווייסט? ער קומט... דער חתן קומט צו איהר...

### דבורה.

(פערוואונדערט און דערשראקען).

— ווער? וואס

### פרוי גרויסבערג.

— מען האט איהם אויסדריקליך געזאגט: איינע יונגע קוים אכטצעהן-יעהריגע שלאנק שעהנעס פריילייי אט האב איך... (זוכט אין קעשענע) שרייבט מיר שווארצבערג, אז ער פאהרט ארויס

ער וועט קומען אים אנגענט, פארשטעל׳ער פון דער פירמע בלאך עט קאמפ. . .

דבורה.

— געדענקט אן גאט שוין, אין אזא וועטער?...

פרוי גרויסבערג.

(מיט א געלעכטער׳ל).

— פאר א כלה וועלען זיי אלץ טהון...

דבורה.

(נאך נישט פערשטעהענדיג).

— אבער אזוי פלינק שוין, אזוי פלינק?

פרוי גרויסבערג.

(גיהט נעהנטער צו צו איהר).

— קאיועט דאס אייזען אזוי לאנג ביז עס איז הייס. אז עס וועט אבקיהלען... דבורה — (זי קוקט זי אן) וואס, איהר ווילט שוין ווייטער מאכען... די ערשטע איז אייך ווענינ?

דבורה.

— אבער שוין... רבונו של עולם, וואס וועט דא זיין?

(זי בלייבט פערצווייפעלט שטעהן אין מיטען שטוב).

פרוי גרויסבערג.

— דבורה, מאכט קיין שהיות... דער סאלאן איז אויפגע־

רוימט ? (צו יודלען) רוף אַריין, איך בעט דיך, שפרינצען. (יודעל אָב
דבורה, לעגט איך איבער, וואָס איהר טהוט...

בורה

— אָבער מאַטע אין הימעל. נעמען אַ קינד און געהאָבען מיט די הענד ?

שפרינצע.

(ווייזט זיך אין טהיר).

— וואָס וויל די בעל־הבית'טע ?

פרוי גרויסבערג (צו שפרינצען).

— שפרינצע לעבען, דער סאַלאָן איז אויפגערוימט ? גיה, נעם דיך צוצורוימען, געסט קומען היינט, וועסט האָבען לעצט־געלד.

שפרינצע.

— אַ יאָ, שעהנע געסט. עס וועלען שוין נישט זיין די געסט פון אַמאָל...

פרוי גרויסבערג.

— די געסט פון אַמאָל הויבען וויי טער אָן צו קומען... און לעצט־געלד וועלען זיי געבען ווי אַמאָל... מען דאַרף זיך נעמען צום אויפרוימען... אין צוויי שעה אַרום

שפרינצע.

(קוקענדיג, נישט גלויבענדיג, אויף דבורה'ן)

— אויפרוימען, בעל הבית'טע ?

ד ב ו ר ה.

(פערטראַכט און פערצווייפעלט).

— איך ווייס...

פ ר ו י  ג ר ו י ס ב ע ר ג (צו שפּרינצען).

— איך הייס (ווינקט צו איהר) פלינקער (שפּרינצע אַב

ד ב ו ר ה.

(שטעלט זיך אַנידער בײַ'ם טיש, שטעהט און וואַרט).

פ ר ו י  ג ר ו י ס ב ע ר ג.

— דבורה, געדענקט איהר טאָרט נישט מפקיר זײַן אײן טאָכטער פאַר דער צווייטער. פערגעסט נישט, אַז יולקאַ איז שוין דיינט צוואַנציג יאָהר אַלט. אַ מיידעל, זאָלט איהר ווייסען, איז ווי אַ עפּעלע אויפ'ן בוים. אַזוי לאַנג איז עס שעהן, אַנגענעהם, ביז עס ווערט פערטיג. ווערט עס פערטיג, מוז עס בעטען, אַז עס זאָל ווער קומען און עס אויפעסען, און אַ ברכה מאַכען. און אַז עס שטעהט זיך נור איבער די צייט, ווערט עס פערפוילט... גליהט דאָס אײזען, דבורה, אַזוי לאַנג, ביז עס איז נאָך הייס... פערגעסט נישט, אַז די צייט שטעהט נישט.

ד ב ו ר ה.

— אָבער מיט יענע וואָס וועט זײַן?

פרוי גרויסבערג.

— און איבער דעם ווילט איהר הײַבען נאָך א זאָרג? לאָזט געמאַך, בעסער אַזוי.

דבורה.

— און וואָס זאָל איך טהון?

פרוי גרויסבערג.

— גאָרנישט. לאָזט מיך טהון... (געהט ארויס, קומט צוריק מיט יולקא'ן).

יולקא.

— וואָס וויל די מאַמישי?

פרוי גרויסבערג.

— דאָ איז זיך נישטאָ וואָס צו שעהמען, דאָ איז זיך נישטאָ וואָס צו בעהאַלטען... עס איז אַ אָפען אונגליק, קיינער איז אין דעם נישט שולדיג. די שוועסטער האָט געקליבען געקליבען, אַזוי לאַנג ביז זי איז זיך פערזעסען. יעצט איז שוין שוועך. וואָלט נאָך חאָטש אַ סך נדן געווען, מיט די צוויי טויזענד רובל וואָס דער טאַטע האָט פאַר אייך איבערגעלאָזט ווערט זיך זעהר שווער מאַכען... און ביז גאָט וועט העלפען, אַז זי וועט געפינען איהר ריכטיגען זווג, קען אָ[?]צחוס אַנגליק געשעהן... איך וויל עס נישט דערמאַהנען מיט'ן מויל...

יולקא.

(רויט ווערענדיג).

— נו יאָ, וואָס זאָל איך אָבער...

פרוי גרויסבערג.

— גאָרנישט. עס קומט היינט צו פאָהרען אַ חתן צו דיר...

יולקא

(מיט שרעק).

— צו מיר? ראָמאַ איז דאָך עלטער —

פרוי גרויסבערג.

— צו דעם קען קיינער גאָרנישט טהון. דאָס איז אַ אונגליק... און פאַר דעם קענט איהר נישט ליידען. דאָס איז דאָס לעבען — ווילט איהר חלילה ווארטען אויף איהר — מוזט איהר לאַנג, לאַנג ווארטען... היינט איז די צייט, זעהט, אַז עס זאָל נישט צו שפּעט ווערען ווי ביי איהר שוועסטער, געדענקט אַז איהר האָט נור צוויי טויזענד רובל...

יולקא.

— איך ווייס פון גאָרנישט... וואָס זאָגט די מאַמע?

פרוי גרויסבערג.

— די מאַמע, וואָס זאָל זי נעבעך זאָגען... דאָס טהוט איהר וועה און יענץ איז איהר ווינד... ראָמאַ איז איהר בלוט און דו בּיסט אויך איהר בלוט. גיב די האַנד פאַר די באַק, אַז דאָס טהוט איהר וועה און יענץ טהוט איהר וועה... נאָר וואָס זאָל זי נעבעך טהון, אַז איינם קען זי העלפען און דאָס צווייטע נישט...

יולקא.

— איך ווייס פון גארנישט. איך וועל טהון וואס די מאמע וועט הייסען.

פרוי גרויסבערג.

— די מאמע וועט דיך הייסען, אז דו זאלסט דיך געהן אנטהון, ווארום עס ווערט שפעט, אין א שעה ארום איז ער דא.

(יולקא געהט אב).

דבורה.

(וועלכע איז געשטאנען די גאנצע צייט די הענד פערלעגט, פאלט ארויס):

— וואס זאל איך טהון? וואס זאל איך טהון?

פרוי גרויסבערג.

— וואס איהר זאלט טהון? איהר זאלט זעהן, אז אלעס זאל זיין אין ארדנונג. יעהט אז די קלענערע זאל זיין אנגעטהון, און פערשטעקט ערגעץ וואו די עלטערע, אז ער זאל, חלילה, נישט געוואהר ווערען, אז עס איז דא א עלטער מיידעל אין שטוב... דאס גיט צו קלערען... דאס קען א סך שאטען...

דבורה (קרעכצט).

— שטענדיג בעהאלטען די יונגערע, אז עס איז ווער געקומען — יעצט דארף מען צו בעהאלטען די עלטערע. ווער, ווער ראמא! האסט דיך גוט ערלעבט.

פרוי גרויסבערג.

— אזוי איז שוין איהר מזל... און עס איז איהר קיינער נישט

שולדיג נור זי אַליין... נו, איך מוז געהן. דבורה מאַכט קיין שהיות, עס ווערט שפּעט. (ביי'ם אַרויסגעהן) דבורה, געדענקט עס האַנדעלט זיך אין אייער קינד. (אָב)

(דבורה בלייבט שטעהן אין מיטען שטוב אין אַ פערצווייפעלט שווייגען — וועקט זיך איינינגע מאָל אויף און געהט צו צו דער טהיר, וויל אויפעפענען די קלאַמקע — און געהט צוריק אַוועק. באַלד הערען זיך טריט, זי געהט פלינק אָב פון דער טהיר און לאָזט זיך צו די פענסטער די טהיר עפענט זיך, ראָמאַ קומט אַריין, זינגענדיג פאַר זיך עפּעס אַ נגונ'דיל, האַלט אַ העפטעכין אין דער האַנד, אין הויבט אָן, ווי עפּעס זוכען ביי דער קאָמאָדע

ר אָ מ אַ (צו זיך).

— שוין אַוועקגעגאַנגען.

ד ב ו ר ה.

(פלוצים אויסדרעהענדיג זיך פון פענסטער).

— זאָג מיר טאָכטער, איינמאָל פאַר אַלע מאָל, וואָס יועט דער סוף זיין?

ר אָ מ אַ.

(אין מיטען שטוב אָבשטעלענדיג זיך)

— וואָס האָט זיך עפּעס היינט די מאַמע דערמאָהנט? וואָס, זי איז שוין ווייטער געקומען דעם קאָפּ פערדרעהען, די טהיר וועל איך מיט איהר אויסהאַקען. (זי בייזערט זיך און וויל פלינק פון דער שטוב אַרויס).

### דבורה.

(לויפט איהר נאָך און שרייט)

— ראַמאַ, ראַמאַ, איך וויל דיר עפּעס זאָגען

### ראַמאַ.

(בלייבּט שטעהן בּיי דער טהיר אומקוקענדיג זיך).

וואָס האָט מיר די מאַמע צו זאָגען? (זי וואַרט שווייגענדיג אויף די מאַמעס ענטפער, צו׳ם סוף זעצט זי זיך אַנידער שטיל אויף דער קאַנאַפּע, וואָס שטעהט אין דער נאָהנט).

### דבורה.

— זאָג דו מיר וואָס זאָל איך טהון? וואָס זאָל איך אומ־גליקליכע מאַמע, טהון?

### ראַמאַ.

(קוקט די מוטער אָן שווייגענדיג).

— וואָס ווילט איהר פון מיר האָבען? וואָס, עס איז אייך צו שווער מיך צו האַלטען אין דערהיים — וועל איך מיר געהן מיין שטיקל ברויט זוכען.

### דבורה.

— וועה איז נאָך די מאַמעס יאָהר, — ווייסט גאַנץ גוט. וואָס טויג מיר דאָס גערעדעכץ — (אָבּהאַקענדיג). אָבער איך בּין דאָך אַ מאַמע. דאָס האַרץ ווערט מיר צושניטען פאַר רחמנות — געדענק אָן גאָט.

ר אָ מ אַ.

(מיט אַ געמאַכט געלעכטער׳ל)

- רחמנות... נור איך בעט די מאַמע, זאָל נור די מאַמע אויף מיר קיין רחמנות נישט האָבען... (פויזע. מיט אויפגערעגטען געבייזער) איך ווייס נישט... חלעבען... (שווייגט. פלוצים) מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָט ווער אויף מיר רחמנות צו האָבען?... וואָס געהט עס וועמען אָן אין מיר! איך וויל אַזוי זיין. ניט חתונה האָבען — וועמען געהט עס אָן? (פערגעסענדיג זיך) וועמען געהט עס אָן?..

דבורה

— איך בין דאָך אַ מאַמע, אַ מאַמע, מיך רייסט עס ביי׳ם האַרץ.

ר אָ מ אַ (שרייענדיג).

— אָבער, אַז מיך געהט עס נישט אָן, וועמען האָט עס אָנצוגעהן?

דבורה.

— אָבער וואָס זאָל איך טהון, מיך רייסט עס דאָך ביי׳ם האַרץ. איך זעה דיך זיצען אין דערהיים, אַ מויד פון דרייסיג יאָהר, וואָס מיינסט דו?...

ר אָ מ אַ.

(אַריינפאַלענדיג אין די מוטערס רעד).

— ווער האָט צו מיר? פאַר וואָס? איך וויל נישט חתונה האָבען — וועמען געהט עס אָן?

דבורה.

– אָבער געדענק. (געהט נעהנטער צו און רוימט איהר איין) אָבער יולקאַ?...

ראָמאַ (הויך).

— ווער לאָזט זי דען נישט קיין כלה ווערען?

דבורה.

— דו, .

ראָמאַ.

— איך?... נו גוט, וועל איך איהר מיין אָרט אָבטרעטען (זי זעצט זיך שוויינענדיג אויף איהר אָרט – פערקלערט זיך, נעמט דאָס ביבעל וואָס ליגט ביי איהר און קוקט יעדעס מאָל אריין, און נעמט עס אוועק).

דבורה.

(שטעהט אין מיטען שטוב, די הענד פערלעגט, עס איז צו דער־קענען, אז זי ווייסט נישט וואָס צו טהון. וויל צוגעהן צו דער טאָכטער, און געהט נישט צו – צו'ם סוף זעצט זי זיך ערגעץ אין אַ ווינקעל און רעדט צו זיך).

— איך, אומגליקליכע מאַמע... גאָט איינער, וואָס זאָל איך אָנהויבען?.. (זי קוקט אויף ראָמאַ'ן, ראָמאַ ענטפערט נישט, זיצט פערטראַכט טיף זיך).

(אַ לאַנגע ווייל איז שטיל אויף דער סצענע. פון דער צווייטער שטוב דערהערט זיך פלוצלונג די פאַדלאָגע פראָטירען. יולקאַ'ס פרעהליכער קול בעפעהלענדיג: „דעם אַלעאַנדער ביים פענסטער אַנידערשטעלען", „די גאַרדין פערשטעלט דעם שפיגעל". ראָמאַ קוקט די מוטער אָן. די מוטער מאַכט זיך דורכ'ן פענסטער ארויסקוקען).

### דבורה.

(דורכ'ן פענסטער אַרויסקוקענדיג).

— אַ בייז וועטער אין דרויסען, (זי האקט אָב מיט אַ ציטעריג קול)
איך ווייס גאָר נישט, פאַר וואָס מען דערהאלט נישט פון פעטער קיין הריעף?

### ראמא

(ענטפערט נישט. נאָך אַ קליינע פויזע, הויבט זי זיך אויף, געהט צו צו דער קאָמאָדע, זוכט עפּעס און מאַכט זיך מיינשענדיג עפּעס אַ ליעדעל פאַר זיך):

„די זון געהט אונטער אין מערב זייט
אין אַ רויט געשטאַלט,
אין אַ רויט געשטאַלט"

### דבורה.

(אויפהויבענדיג זיך פלוצלונג פון אָרט, מיט אַ מאַמעדיג וויינענדיג קול):

— טאַטעטער. צי בין איך דען נישט דיין מאַמע? (די טרערען פערשטיקען איהר קול) צי ווייס איך דען נישט?... (זי ווייכט ביטערליך)

### אָמאַ.

— וואָס וויל די מאַמע האָבען?.. אַ! — (זי געהט אַוועק פון קאָמאָדע, חאַפּט דאָס ביכעל וואָס ליגט אויפ'ן טיש, זעצט זיך אויף איהר פריהערדיג אָרט און פערטיעפט זיך אין לעזען).

### דבורה.

— וואָס שפּיעלסט דו מיט מיר אין בעהעלטעניש? אַזוי ווי איך וואָלט אַ ווילד-פרעמדע געווען... צי איז דען נישט דיין צער —

מײַן צער? . . , (אָבהאַקענדיג) יולקאַ װערט ערװאַקסען, גרױס װי אַ בױם. מען איז געקומען, מען האָט די טהירען אײנגעלעגט, עס לױפט דורך אַ טאָג צו אַ טאָג . . . די צײַט שטעהט נישט, זי װערט עלטער, צװאַנציג יאָהר שױן אַלט, בײַ לײַטען אַזעלכעס האָט שױן חתונה געהאַט — און װאָס זאָל איך, װיסטע אַלמנה, טהון — רבונו של עולם, װאָס טהוט מען?

ר אָ מ אַ

(װי פון בוך אַרױסלעזענדיג).

— מען מאַכט זי פאַר אַ כלה.

ד ב ו ר ה.

— און מיט דיר װאָס װעט דער סוף זײַן?

ר אָ מ אַ.

(מיט אַ געלעכטערל).

— װאָס זאָל דען זײַן? מען לעבט און מען װעט שטאַרבען.

ד ב ו ר ה.

— און װאָס איז דאָס מ'שטײַנס געזאָגט פאַר אַ לעבען? מען זיצט בײַ דער מאַמע, בײַם אױװען, און מען לערנט ביכער. װאָס טױגען אײַך די ביכער? פערשפּילען דאָס לעבען מיט פרעמדע מעשיות . . . צו װאָס? צו װען? (אָבהאַקענדיג) איך האָב עס דיר געזאָגט, געװאָרענט, נישט אײנמאָל און נישט צװײ מאָל, — ראָמאַ, ראָמאַ, פערשפּיעל דיך נישט! מיט דעם יונגען מאַן גערעדט, מיט דעם שפּאַצירט. איז גע-קומען צו פאָהרען אײנער פון דער שװאַרצע יאָהר, צוגעזאָגט גאָלדענע

בערג... (אָבהאַקענדיג) אַ רויז ביסט דו דענסטמאָל געווען. איז מען גע־קומען שמעקען, אָבגעשמעקט און אַוועקגעגאַנגען... און די רויז גע־לאָזט אָפען שטעהן ביז זי איז אויסגעוועבט געוואָרען... אַ מיידעל האָט איהר צייט, און געהט די צייט איהרע דורך, געהט דורך איהר לעבען... איך האָב דיך געוואָרענט, דו האָסט מיך נישט געוואָלט האָרכען, וואָס האָב איך אומגליקליכע מאַמע, געקענט טהון?...

ר אָ מ אַ.

— אַלזאָ וואָס וויל די מאַמע האָבען, אַז איך זאָל אַ כלה ווערען — גוט, איך וועל אַ כלה ווערען. זי איז דאָך שוין דאָ געווען, מען פוצט אויס די צימערן, עס קומט היינט אַ חתן צו פאָהרען — גוט, — איך וועל נישט פרעגען ווער ער איז, — איך וועל נישט קוקען אויף איהם, צי ער געפעלט מיר יאָ, צי ער געפעלט מיר נישט — גוט, איך וועל חתונה האָבען פאַר'ן, אַז איהר ווילט עס.

ד ב ו ר ה (ערשראָקען).

— אָבער... טאָכטער...

אָ מ אַ.

— גוט, גוט, אַז איהר ווילט עס... מיר איז שוין קיין חלוק... איך האָב שוין חתונה... איינמאָל פאַר אַלע מאָל אויפהע־רען צו פייניגען... גוט, איך געה מיך אָנטהון... וואו איז מיין קלייד?... איך וועל אויף גאָרנישט קוקען, אַז איהר ווילט עס... (לויפט אַריין אין דער צווייטער שטוב) נור צו מיר זאָלט איהר שפּעטער קיין פּרעטענסיעס נישט האָבען. (אָב)

ד ב ו ר ה.

(בלייבט פערצווייפעלט שטעהן אין מיטען שטוב).

— גאָט איינער, וואָס טהו איך יעצט?...

(אַ קליינע פּויזע, עס טונקעלט. עס קומט אַריינצולויפען יולקאַ אָנגעטהון אין אַ נײַ קלייד מיט אַ נײַע זײַדענע בלוזקע, נאָך נישט צוגעקנעפּעלט).

יולקאַ.

— מאַמע, קנעפּעל מיר צו.

דבורה.

(נעמט זי צו זיך מיט פיעל צערטליכקײַט).

— קום טאָכטער לעבען, איך וועל דיך אָנטהון, דײַן חתן קומט דאָ הײַנט צו פאָהרען, מײַן אָרעמע יתומה.

ראָמאַ'ס קול.

(פון דער צווייטער שטוב).

— און וואָס פאַר אַ קלייד זאָל איך מיך אָנטהון? אַנ' עמפּפאַנגס־קלייד, מאַמע?

(די מוטער ענטפערט איהר נישט, טהוט ווײַטער אָן יולקאַ'ן).

יולקאַ

— מאַמע, מאַמע, ראָמאַ רופט עפּעס.

דבורה.

— גאָר נישט טאָכטער לעבען, גאָר נישט. גאָט זאָל דיר געבען, חן און לײַטזעליגקײַט.

ראָמאַ'ס קול.

— וואו איז יולקאַ, — זאָל זי מיר העלפען אָנטהון. (קומט ארײַן, עס איז טונקעל אין צימער, דערקענט נישט יולקאַ'ן) ווער איז דאָרט? (קיינער ענטפערט איהר נישט אָב, ווי מען וואָלט איהר נישט בעמערקט).

## דבורה.

(אַנטהוּעֶנדיִג וויִטער יוּלקאַ'ן).

— וואַרט יוּלקאַ לעֶבעֶן. דער טאַטעֶ, עליו השלום, האָט מיִר געֶזאָגט, אַז דיין חתן וועט קוּמעֶן זאָל איך דיך אַנטהון אין די פּעֶריל וואָס דער טאַטעֶ, עליו השלום, האָט מיר געֶשעֶנקט חתימה-געֶלד, אַז דו זאָלסט חן און ליִבּליִכקייט געֶפיִנעֶן אין זייערעֶ אויגעֶן.

## ראַמאַ

(וועֶלכעֶ עֶרוואַרטענדיג זיך די סיטואַציעֶ, בלייבּט אַ סעֶקוּנדעֶ שטעֶהן, לאָזט פאַלעֶן דאָס זיידעֶנעֶ טוּך וואָס זי האַלט אין דער האַנד, וויל צוּם ערשט אַרויסגנ'בעֶנעֶן זיך פון שטוּב אָהנעֶ בעֶמערקט — קען אָבער ניִשט, געהט דערנאָך גאַנץ פאַמעֶליך צוּ צוּ יוּלקאַ'ן מיט די מוּטער, — זאָגט מיט אַ רוּהיִגעֶן טאָן).

— לאָז מאַמעֶ, איך וועֶל זי אַנטהוּן פאַרן חתן.

(די מוּטער גיִט איבּער יוּלקאַ'ן אין איהרעֶ העֶנד, יוּלקאַ וויל אויך נאָך די מוּטער מיט אַראָב-געֶלאָזטעֶן קאָפּ שעֶמעֶוודיִג אַרויס-געֶהן, ראַמאַ האַלט זי איין)

## ראַמאַ.

— וואָס שעֶמסט דו דיך פאַר מיר שוועֶסטער-לעֶבעֶן... איך ווייס דאָך פון אַלעֶם... האָב דאָך ניִשט קיין מורא פאַר מיִר... שעֶם דיך נישט... בּיסט דאָך מיין שוועֶסטער, דיין פרייד איז דאָך אויך מיין פרייד... מיין פרייד.

## יוּלקאַ.

(מיט פערשעֶמטעֶן בליק בלייבּט שטעֶהן בּיי דער שוועֶסטער, פער-ווירט, ווייסט ניִשט וואָס צוּ טהוּן).

## ראַמאַ.

— קום שוועֶסטער, איך וועֶל דיר די האָר אויפקעֶמעֶן,

(יולקאַ קניִעט פאַר איהר... ראָמאַ קעמט איהר די האָר): האָסט דו האָר שוועסטער, שײנע, דינע, און שוואַרץ ווי נאַכט... חן רוהט אויף דיר שוועסטער... חן, וועסט זײַן אַ שענע כלה, שוועסטער...
(פערפלעכט איהר די האָר).

## יולקאַ.

(רײַסט פלוצלונג אַרויס דעם קאָפּ פון די שוועסטערס הענד — און פאַלט אַרויף אויף איהר האַרץ און הויבט אָן ביטערליך װײנען).

## ראָמאַ.

(איהר אַוועקנעמענדיג דעם קאָפּ פון איהר האַרץ מיט אַ געלעכטערל).

— נאַרעלע, וואָס װײנסט דו? ווערסט אַ כלה, װײנסט דו? אדרבה, פרעהען דאַרפסטו זיך.

(יולקאַ רײַסט אַרויס דעם קאָפּ פון די שוועסטערס הענד און גראָבט איהם טיפער אײַן אין איהרע אָרעמס שלוכצענדיג. אַ לאַנגע ווײַלע אין דערוועלבער פּויזע. ראָמאַ צוקעמט איהר דערווײַל די האָר. באַלד דערהערט זיך פון אונטערן פענסטער אַ קלינגערן פון אַ שליטען. ראָמאַ רײַסט אַוועק פון זיך יולקען און טהוט זי אָן... באַלד הערט זיך אַ רודערן פון טריט אונטער די סצענע).

## גאָלדבערג'ס קול.

(הינטער דער סצענע).

— איך האָבע די עהרע מיך פאָרצושטעלען — גאָלדבערג, פאָרשטעלער פון דער פירמע „בלאָך עט קאָמפּ."

## דבורה'ס קול.

(הינטער דער סצענע).

— מיר בעטען.

(עס הערען זיך טריט איבער דער סצענע, איבערגעהענדיג פון איין שטוב אין דער צווייטער).
(עס עפענט זיך די טהיר רעכטס, פון וואנען עס שלאגט ארויין אין דער דונקלער סצענע א ליכטיגקייט און א ווארעמקייט. דבורה'ס קאפ ווייזט זיך אין דער טהיר).

## דבורה.

(אין דער טהיר).

— יולקא, ערלויב נור. (יולקא קוקט אן ראמאין)

## ראמא.

(איהר אויסוויישענדיג די אויגען מיט'ן טיכעל, שטופט זי צו דער טהיר).

— געה... געה... געה...

(יולקא לאזט זיך שטופען. געהט אב אין טהיר רעכטס, פער-מאכענדיג די טהיר נאך זיך. אויף דער סצענע ווערט ווייטער דונקעל).

## יולקא'ס קול.

(הינטער דער סצענע).

— ועהר מיר אנגענעהם!...

(פון דרויסען מאכט ווער די לאדען צו. אויף דער סצענע ווערט דונקעל. פון די אויסגעשניטענע לעכער וואס זענען אין די לאדען דרינגט א רויטליכער שיין פון דעם זון-אונטערגאנג. נאך א קורצער פויזע קומט ארויין פון דער צווייטער טהיר יודעל).

## יודעל.

(דערזעהענדיג ראמא'ן ביי דער טהיר, וויל אבגעהן, געהט דאך נישט אוועק, הוסט אב, און שטעלט זיך ביי'ם אויווען ווארעמען).

ר אָ מ אַ.

(בעמערקענדיג יודלען, מאכט א בעוועגונג, ווי זי וואלט עפעס דארט געזוכט, געהט דערנאך אב מיט לייכטע טריט, מאכט זיך בעמערקענדיג יודלען).

— אהא יודעל, נו וואס הערט מען אין דרויסען?

י ו ד ע ל.

(רייבענדיג זיך אין די הענד).

— עס ווערט זעהר קאלט.

פ אָ ר ה אַ נ ג.

# ע נ ד ע.